№ 5 RADOMER EXPRESS ראדאמער 8 זייטען 1-טער יאהרגאנג פרייז 10 גר.

עקספרעס

Adres redakcji i administracji Radom, Żeromskiego 7 — 27 sierpnia 1933 r. — ראדאם זונטאג פ׳ תצא ה׳ אלול תרצ"ג

ליענט אין היינטיגען נומער:

ספעציעלער ארטיקעל פאר „אונזער עקספרעס" פונ'ם בעריהמטען מערב-אייראפעאישען ציונ. פיהרער

אינזש. ראבערט שטריקער וועגען „אנטיסעמיטיזם אין אייראפא"

חוץ דעם איז היינטיגען נומער:

ד"ר י. מילייקאווסקי וועגען ד"ר ס. גאלדפלאם (צו זיין 1-טער יאהרצייט)

די פראגראם רעדעס פון די פארטיי-פיהרער

איז גענעראל-דיסקוסיע אויפ'ן קאנגרעס

אנפראגען וועגען אבמאך מיט דייטשלאנד

רעדע פון ד. בן-גוריון

פראג 25 (יט"א). אויף דער היינטיגער פאר-מיטאג-זיצונג פון קאנגרעס איז געעפענט געווארען די אלגעמיינע גענעראל-דעבאטע.

דער ערשטער בעקומט אין דער דעבאטע דאס ווארט דער פיהרער פון ארבייטער-פליגעל, ה' בן-גוריון, וועלכער האלט א צוויי-שעה'דיגע רעדע און בעריהרט פערשידענע אקטועלע ציוניסטישע פראב-לעמען.

דער הויפט-פונקט פון בן-גוריון'ס אויספיה-רונגען בעשטעהט אין דער פעסטשטעלונג, אז די חלוצים-עליה מוז אויך אויף ווייטער בלייבען דער עיקר-עלעמענט פון דער א"י-עמיגראציע, ווייל די חלוצים זיינען דער אמייסטען צוגעפאסטער עלעמענט פאר'ן א"י-אויפבוי. אויב, זאגט דער רעדנער, דאס הייסט קלאסען-קאמף, וועלען מיר דעם דאזיגען קלאסען-קאמף פיהרען ווייטער.

פערגלייכענדיג די חלוצים-עליה צו דער עליה פון אנדערע עלעמענטען, דערמאהנט בן-גוריון די ראטשילד-קאלאניזאציע, וועלכע האט אבגעקאסט 90 מיליאן גאלד-פראנק. פון דער דאזיגער קאלאניזא-ציע, אין וועלכער עס זיינען איינגעאהדעגט געווא-רען 4000 משפחות אויפ'ן באדען, זיינען בלויז 1000 געווארען זעלבסטשטענדיג. ווען די גאנצע יודישע קאלאניזאציע אין א"י וואלט געפיהרט גע-ווארען אין דער זעלבער ריכטונג, וואלטען די יודי-שע האפנונגען געליטען די מפלה. בלויז די חלוצים האבען געגראטעוועט די לאגע אין מיטען פון די לעצ-טע 28 יאהר און אין דער יודישער אויפבוי-טעטיג-קייט געגעבען א נ'אנדערע ריכטונג.

בעריהרענדיג די בעציהונגען צווישען קאפי-טאל און ארבייט, ערקלערט דער רעדנער, אז נישט אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס וועט בעשלאסען ווע-רען די פראגע וועגען קאמף צווישען סאציאליזם און קאפיטאליזם. דער קאנגרעס דארף זיך בעשעפ-טיגען מיט דער פראגע פון א ברייטער און ווי מעג-ליך שנעלסטער אנטוויקלונג פון א"י, און אין דעם דאזיגען פראצעס זאלען בעטייליגט און דארפען זיין בעטייליגט אלע יודען.

די הסתדרות, זאגט בן-גוריון, האט א פאזי-טיווע שטעלונג צו דער פריוואט-ווירטשאפט, וואס באזירט זיך אויף יודישע ארבייט און אויף נאר-מאלע ארבייטס-בעדינגונגען. די ארבייטער מוזען זיך צוריקהאלטען פון פאדערונגען, וועלכע קענען שטערען און צוריקהאלטען דעם וואוקס פון דער פריוואטער אונטערנעהמערישקייט.

וואס שייך דער בעציהונג צו דער רעליגיע, האלט דער רעדנער אז עס מוזען רעספעקטירט און טאלערירט ווערען די פערזענליכע געוויסענס-מיי-נונגען פון יעדען מענש.

בן-גוריון רעדט ברייט אויס דעם פראבלעם פון די אראבער אין א"י. די פראגען וועגען די יו-דיש-אראבישע בעציהונגען דארף געלעזט ווערען קודם-כל אויף דעם וועג פון אנ'אונאויפהערליכער, שטארקער און כסדר וואקסענדער יודישער איינ-וואנדערונג מיט'ן ציל צו שאפען פאר די יודען אין א"י א פעסטע מאכט-פאזיציע.

פון דער צווייטער זייט אבער מוזען אויסגע-ארבייט ווערען גענויע מעטאדען פאר דער גע-שטאלטונג פון די א"י בעציהונגען צווישען יו-דען און אראבער. מען מוז פעסטשטעלען, אז די אראבער וואוינען אין לאנד און וועלען דא — זיין אונזערע שכנים. עס מוזען געפונען ווערען וועגען פון פערשטענדיגונג אויף אלע געביטען פון לעבען.

נאך ד. בן-גוריון האט אין נאמען פון די אל-געמיינע ציוניסטען גענומען א ווארט אין דער גענעראל-דעבאטע הר. י. שווארצבארט.

ד"ר שווארצבארד'ס רעדע

דער רעדנער אנערקענט אין א גרויסער מאס די לייסטונגען פון דער אבטרעטענדער עקזעקוטי-ווע. ער האלט, אבער, אז דער מאנגעל פון אחדות אין די ציוניסטישע רייהען גופא האט א ס' געשאדעט.

דר. שווארצבארד קריטיקירט די האלטונג פון די רעוויזיאניסטען און זאגט, אז יי, וואס האל-טען זיך פאר די בערופענע יורשים פון הערצל'ס ציוניזם האבען פיל געשאדעט.

וואס שייך דער יודישער אגענץ, האלט דער רעדנער, אז עס איז נישט נויטיג קיין קינדיגונג מיט די נישט-ציוניסטען. מען דארף בלויז ענדערן דעם פיפטי-פיפטי-פרינציפ און ברענגען אין הסכם די לייסטונגען מיט דער פערטיילונג פון די פער-טרעטונגען אין דער אגענץ.

דר. שווארצבארד שטרייכט אונטער די נויט-ווענדיגקייט פון א צענטרום אין דער ציוניסטי-שער בעוועגונג, וואס זאל שאפען דאס געהעריגע גלייכגעוויכט צווישען די עקסטרעמיסטען.

הרב מאיר בערלין אין דער גענעראל-דעבאטע

נאך דר. שווארצבארד האט גענומען דאס ווארט הרב מאיר בערלין צו בעגרינדען די שטע-לונג פון מזרחי.

דער רעדנער אונטערשטרייכט די נויטווענדיג-קייט פון א שטארקער פאליטישער בעוועגונג פון מלוכה'שען ציוניזם.

עס הערשט צופיל שטילקייט און נאכגיביג-קייט אין דער ציוניסטישער פאליטיק.

דער רעדנער אפעלירט וועגען מעהר שלמות. די ליגע מוזען ווערען שטייפער און פעסטער אין זייער אריענטאציע.

אויפ'ן געביט פון רעליגיע האט דער רעדנער זיך צו בעקלאגען אויף פערנאכלעסיגונג, בעזונ-דערס אין פרט פון רעליגיע-אונטעריכט אין די שולען.

הרב בערלין ענדיגט זיין רעדע מיט דער ער-קלערונג, אז מאקע אנערקענענדיג די ציוניסטישע ארגאניזאציע, מאג מען אבער נישט אבטרעטען פון דעם פרינציפ, לויט וועלכען — ישראל ואו-רייתא חד הוא.

פראג, 25 (יט"א). אויף דער נאכמיטאגדי-גער פלענאר-זיצונג איז פארמעזעצט געווארען די גענעראל-דעבאטע.

פרעזידענט לעא מאצקין האט פון דער קאנ-גרעס-טריבונע געמאלדען וועגען בעזוך פון דירעק-טאר פון דער מאנדאטס-קאמיסיע פון פעלקער-בונד.

מען ערווארט, אז דער פעלקער-בונד-דעלעגאט וועט בעגריסען דעם קאנגרעס.

דעפ. יצחק גרינבוים אין דער גענעראל-דעבאטע

פראג, 25 (יט"א). אויף דער נאכמיטאג-זי-צונג פון קאנגרעס איז די פארמעזעצונג פון דער גענעראל-דעבאטע געעפענט געווארען דורך דעפ. יצחק גרינבוים.

דער רעדנער האלט, אז די איצטיגע לאגע איז בעסער ווי פאר די צייטען פון לארד פאספילד. עס איז אבער נאך זעהר ווייט פון א צושטאנד, מיט וועלכען מען זאל קענען זיין צופרידען. די ברי-טישע רעגירונג האט נישט אויסגעפיהרט די הב-טחות, וועלכע זיינען דורך איהר געגעבען געווארען אין מאקדאנאלד-בריף פון דר. וויצמאן פון 13-טען פעברואר 1931. עס זיינען נאך ביז איצט ווייט נישט אויסגעמיטען געווארען די גרויסע גע-פאהרען פון דער פאספילד-צייט.

רעדענדיג וועגען עליה-פראגען, ווארענט דער רעדנער געגען דער שאפונג פון א קינסטליכען תהום צווישען דער חלוצישער און מיטעלשטאנד-עליה.

זעהר שארף טרעט ארויס דעפ. גרינבוים גע-גען די רעוויזיאניסטען. ער האלט, אז עס מוז דורכ-געפיהרט ווערען א שווערע אפעראציע צוריקצו-שטעלען דעם געזונד פון דער ציוניסטישער אר-גאניזאציע. אבער אזא אפעראציע מוז „דורכגע-פיהרט ווערען אזוי, אז דער פאציענט זאל דערפון נישט ליידען".

צום סוף פון דעפ. גרינבוים'ס רעדע האבען איהם די רעוויזיאניסטען געשטערט מיט פערשיי-דענע צווישענרופען.

רעדע פון מאיר גראסמאן

פראג, 25 (יט"א). נאך דעפ. גרינבוים נעמט א ווארט ה' מאיר גראסמאן אין נאמען פון זיין רעוויזיאניסטען-גרופע.

ער ערקלערט אין אנהויב, אז דער רעוויזיאנ-יזם מוז בלייבען א דעמאקראטישע בעוועגונג און אז זיין גרופע אנערקענט די סובערענימעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

דער רעדנער זאגט זיך ארויס פאר אפשטעלען יעדע צוזאמענארבייט מיט דער רעגירונג, כל-זמן זי שטערט אויף טריט און שריט דעם א"י-אויפ-בוי, און רעכענט אויס דערביי א לאנגען צעטעל פון שטערונגען מצד דער מאנדאטאר-מאכט: עבר-הירדן, עליה - בעגרענצונגען, פרעסע-בעדריקט און א רייה אנדערע פאליטישע שטערונגען.

לסוף פון זיין רעדע שטעלט מאיר גראסמאן אנ'אנפראגע דער עקזעקוטיווע וועגען דער פראגע פון אנטי-דייטשען באיקאט און דעם אבמאך מיט דער דייטשער רעגירונג. ה' גראסמאן ערקלערט דערביי:

אין די צייטונגען האבען זיך געבויגען בעווי-זען ידיעות, אז צווישען דער דייטשער רעגירונג און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז צושטאנדע-געקומען אנ'אבמאך וועגען ארויסלאזען פון דייטש-לאנד סחורות פאר א"י אויף 3 מיליאן מארק. אזא אבמאך מוז בעטראכט ווערען אלס שעדליך, וואס שטעהט נישט אין הסכם מיט די מאראלישע און מאטעריעלע אינטערעסען פון יודישען פאלק. דער רעדנער פרעגט דעריבער אן, צי איז דער אב-מאך געשלאסען געווארען לויט דער איניציאטיוו אדער מיט'ן ווילען פון די ציוניסטישע אינסטאנ-צען און צי זיינען די דאזיגע אינסטאנצען געווען בעטייליגט אין די פערהאנדלונגען ארום אבמאך און ביי זיין אבשלוס.

די דאזיגע אויפקלערונג, זאגט דער רעדנער, איז נאכמעהר וויכטיג צוליב דעם, וואס די רעגי-רונג האט געבעטען נישט צוצולאזען צו קיין דע-באטע איבער דער דייטשער פראגע. דער רעדנער ערווארט א באלדיגע תשובה פון דער עקזעקוטיווע.

מיט זיין אנפראגע האט ה' גראסמאן בדעה ארויסצורופען א דעבאטע איבער די דייטשע פרא-גע, וועלכע איז געבעטען נישט צושטאנד געקומען.

ארעסטירט א גאליציאנער יונגענמאן

פראג (יט"א). פאליציי האט ארעסטירט א געוויסען אלחנן בערקאוויטש, א יונגען פועלי-ציוניסט פון מזרח-גאליציען, וועלכען עס ווערט פארגעווארפען, אז ער האט גורם געווען דעם אינ-צידענט מיט וול. זשאבאטינסקי, דאנערשטאג אווענד בעת מ. מ. אוסישקין האט אויף דער קאנ-גרעס-זיצונג געהאלטען זיין קק"ל-רעפעראט.

די שטעלונג פון די רעוויזיאניסטען

פראג, 25 (יט"א). בעת דער פארמיטאגדי-גער גענעראל-דעבאטע זיינען די רעוויזיאניסטען גערופען געווארען דורכ'ן פרעזידיום ארויסצורופען זייערע רעדנער צו דער דעבאטע. קיין ענטפער מצד די רעוויזיאניסטען איז נישט געקומען, הגם וול. זשאבאטינסקי איז געווען אין זאאל. ווי עס הייסט, וועלען די רעוויזיאניסטען זיך אין דער דע-באטע בכלל נישט בעטייליגען.

וול. זשאבאטינסקי האט אויף היינט אווענד גערופען אנ'אלגעמיינע פרעסע-קאנפערענץ, אויף וועלכער עס זאל אויפגעקלערט ווערען דער שטאנד-פונקט פון די רעוויזיאניסטען אין די קאנגרעס-פראבלעמען.

מוסאליני נצול געווארען פון טויט

רוים (כפ.). מוסאליני, וועלכער האט געוויילט די טעג אויף די מאנעווערס, פון זיין ארמעע איז שיער נישט אומגעקומען בעת אנ'אויטא-קאטאס-טראפע.

די געשיכטע איז געווען אזא: מוסאליני איז גע-פאהרען מיט זיין אויטא, מיט וועלכען ער האט אליין אנגעפירט. קומענדיג אויף אנ'ארט, וואו דער וועג גדרעהט זיך אריין, איז אנטקעגענגעפאהרען א לאסט-אויטא מיט זעלנער. מוסאליני האט געוואלט אויסמיידען דעם לאסט-אויטא און אויסגעדרעהט, זיין אויטא האט זיך אבער צו שטארק אויסגע-דרעהט און גענומען [illegible] בארג-אראב צו א תהום צו. מוסאליני האט זיין בעוואוסטזיין נישט פערלוירען און איז ארויסגעשפרונגען פון אויטא, וואס איז אריינגעפאלען אין תהום און צעשמע-טערט געווארען. מוסאליני איז אזוי ארום נצול גע-ווארען פון א זיכערן טויט.

אינזש. ראבערט שטריקער.

דער אנטיסעמיטיזם אין איראפא

(ספּעציעל פאַר אונזער עקספּרעס)

די ערשטע וואָכען נאָך דעם אָנהויב פון דער שרעקליכער וועלט־מלחמה, האָבען זיך זעהר פריינדליך אָנגעהויבען. יונגעלייט האָבען דורכ־מאַרשירט אין שפּאַגעלנייע אוניפאָרמען מיט גע־זאַנג און מוזיק דורך א שפּאַלער פון ווינקענ־דע פריינדינס און כלות, צו די וואָקזאַלען. דאָר־טען זענען זיי אויפגענומען געוואָרען פון לעבענס־לוסטיגע און לאַכענדיגע דאַמען, וועלכע האָבען זיי בעשאָטען מיט בלומען און מיט פּעקלעך טאַ־באַק, זיי מכבד־געווען מיט א ים קאַווע און מיט א באַרג קוכען און — זענען מיט גרויס נחת נעפאָהרען צום וואַפען־טאַנץ. אַלע זענען געווען פרעהליך און צופרידען.

אויך די יודען זענען געווען אין א גלענצענ־דער שטימונג און — מיט רעכט.

אין די שענע זומער־טעג פון יאָהר 1914 האָ־בען די בכבוד'יגע מיטבירגער פון אנטיסעמיטישען גלויבען כמעט פערגעסען, אז עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט יודען, וועלכע מען מוז טעגליך זידלען און טרעטען מיט די פיס. די יודען האָבען זיך געמעגט מיטפרעהען, ווייל דאַמאַלסט איז דער אַנטיסעמיטיזם געלעגען געלעהמט. די עלטסטע און קליגסטע „איזראעליטען“ האָבען בעטראַכט די דאָזיגע אויסגעשטרעקטע בעסטיע און האָבען, נאָך א קורצער אונטערזוכונג, זי ערקלערט פאַר טויט, פאַר ענדגילטיג גע'פגר'ט.

ביסלעכוויז איז אויף די גאַסען געוואָרען שטי־לער. אָנשטאָט די הורא־רופען, האָבען זיך דער־הערט די מעלאַנכאָלישע קלאַנגען פון די סאַניטעטס־אויטאָמאָבילען. די אָבפאָהרענדע סאָלדאַטען זענען געוואָרען יונג און ווייניגער העל־דיש. די קאַווע אויף די וואָקזאַלען איז געוואָ־רען שיטערער און די עספּאַנגס־דאַמען — מאָ־גערער, און נאָך שיטערער איז געוואָרען די מתנה פון די בעגייסטערטע.

פון די שפּאַלערען אויף די גאַסען זענען פער־שוואונדען די לאַכענדיגע כלות און האָבען גע־מאַכט אָרט פאַר די טרויעריגע פרויען און שלוכצענדע קינדער.

פון די מענשליכע אויגען איז אויסגעלאָשען געוואָרען דער פרעהליכער גלאַנץ. זיי האָבען דערקענט זייער שרעקליכען עלענד. און אין דעם דאָזיגען עלענד איז אויסגעוואַקסען די איינע פראַגע: ווער טראָגט די שולד? ווער האָט דאָס דאָזיגע אומגליק אויף אונז געבראַכט?

דער ענטפער איז תיכף געווען גרייט: די יו־דען זענען שולדיג. דאָס מאַסאָנישע אינטערנאַ־ציאָנאַלע יודענטום האָט דעם דאָזיגען קריג ארויסגערופען, כדי ביי דער דאָזיגער פערניכטענ־דער וועלט־שרפה, זיך אָבצוקאָכען זיין פעטע זופּ. דער קריסט בלוטיגט, דער יוד מאַכט גע־שעפטען. ער נעהמט פּראָצענטער פון דעם סאָל־דאַט אין די אָקאָפּעס, ער רייסט־אַרויס מיט זיינע גנב'ישע נענגל דעם לעצטען ביסען פון מויל פון דער פרוי און פון'ם קינד, וועלכע זענען פערבליבען אין דערהיים. אַלס קריגס־העצער יאָגט ער די שוואַכע און די קליינע אין דעם אויסזיכטס־לאָזען קאַמף; אַלס פאַלשער שלום־נביא שטערט ער האָט קריטיק צו זיין נצחון, שטערט אים אין דער דורכפיהרונג פון זיין נצחון און ציהט־אויס דאָס שעכטען און מאָרדען ביז אין דער אונענדליכקייט.

אַזעלכע שטימען האָט מען געהערט פון אַלע זייטען און זיי האָבען ארויסגערופען א צופרי־דענעם און פרעהליכען עכאָ. אַלע זענען מיט דער דאָזיגער לעזונג געווען צופרידען. די מעכטיגע האָבען זיך דערמיט געזעהן געשיצט און נישט געווען געצוואונגען צו בעהאַנדלען די פראַגע: ווער איז אין דער מלחמה שולדיג? און דאָס אָרימע און געשונדענע פאָלק האָט געמעגט שרייען און שעלטען, זיין עלענד איז, ווענינסטענס, מעהר נישט געווען שטום.

דער צום טויט־פערמשפט'ער אנטיסעמיטיזם האָט זיך ווידער האַסטיג געשטעלט אויף די פיס און האָט די צופרידען־שמייכלענדיגע יודען, וואָס האָבען זיך געפרעהט מיט דער מפלה און אונ־טערגאַנג פון'ם אנטיסעמיטיזם, געוואָרפען די שטיוועל אין די לאַכענדיגע ציין. די אַלטע לי־בעראַלע טעאָריע, לויט וועלכער די טויט־געהענ־דע בעוועגונגען פון דער מענשהייט פערשלינגען דעם אנטיסעמיטיזם, איז ווידעראַמאָל צוזאַמען־געבראָכען. דער געפיהלסמעסיגער אנטיסעמיטיזם האָט נישט נור איבערגעלעבט דעם קריג, נאָר ער איז אויך ביי דער מלחמה געוואַקסען. ער איז, ווי אַלע מאַסען־אינסטינקטען, וועלכע זענען געווענדעט געגען מינאָריטעטען, שוואַכערע און אַנדערש־אַרטיגע — נאָך מעכטיגער געוואָרען.

די מלחמה האָט זיך אָבער אויך אַרויסגעוויזען אַלס א פרוכטבאַרער באָדען פאַר דעם פּראַקטי־שען אנטיסעמיטיזם. פּראַקטישער אנטיסעמיטיזם בעשטעהט סוף־כל־סוף אין דעם, די יודען אַנ־דערש צו בעהאַנדלען, ווי דאָס שרייבט־פאָר דאָס בירגערליכע און געזעלשאַפטליכע רעכט. יעדע אנטיסעמיטישע האַנדלונג איז בשעת שלום גע־ווען א פערברעכען געגען דאָס עקזיסטירענדע געזעץ, און דעריבער איז עס פאַר דעם אויס־פיהרער פון דער טהאַט אויך געווען פערבונ־דען מיט א געוויסער געפאַהר. דער בעל־הבית, וועלכער האָט שלעכט בעהאַנדעלט דעם יודי־שען אָנגעשטעלטען, דער ריכטער, וועלכער האָט די פאָדערונגען און די עוולות פון דעם יודען אומגערעכט בעאורטיילט, דער לעהרער, וועל־כער האָט דעם יודישען תלמיד בעליידיגט, — קורץ — יעדערער, וואָס האָט די איהם אָנגעט־טרויטע מאַכט, אָדער איהם אָנגעטרויטע רעכט מיסגעברויכט צום אומגינסטען פון די יודען — האָט זיך דערמיט געמוזט רעכענען, אז ער וועט זיך דאַרפען פערענטפערן פאַר א העכערער אינס־טאַנץ. די געפאַהר איז נישט געווען גרויס, ווייל אין יודישע ענינים האָט זיך די בעליידיגטע גערעכטיגקייט קיינמאָל נישט ארויסגעוויזען אַלס זעהר עמפּפינדליך. אָבער זי איז דאָך פאָרט פאַר דעם אנטיסעמיטיזם געווען א געוויסע שטערונג. אויך דער אנטיסעמיטישער פּאָליטיקער, וועלכער האָט פאַר די יודען געפאָדערט אויסנאַהמס־געזע־צען, פלעגט דערמיט אַריינפאַלען אין א געפעהר־ליכער סיטואַציע. שוין דאָס וואָרט „אויסנאַהמס־געזעץ“ האָט געהאַט א מיאוס'ען קלאַנג, עס האָט אַזוי סותר־געווען דעם אַלגעמיינעם רעכטס־געפיהל, אז אפילו ראַדיקאַלע אנטיסעמיטען פלעגען זיך זעהר שווער ענטשליסען דאָס אָפען אַרויסצוזאָגען.

אין קריג און אויך בעת דער רעוואָלוציע, זע־נען די דאָזיגע שטערונגען געוואָרען זעהר קליין, אָדער זיי זענען אינגאַנצען פערשוואונדען.

די ריזיקע פון דעם פּראַקטישען אנטיסעמיטיזם איז געוואָרען גלייך זעראָ און דאָס אויסנאַהמס־געזעץ איז געוואָרען א כלל. די קלענסטע באַאַמ־טען־שטעלעס זענען בעוואָפענט מיט אַנ'אונגעהייערער מאַכט. די מעגליכקייט צו קומען צו זיין רעכט, אַפּעלירענדיג צו העכערע אינסטאַנ־צען, איז אונבעדייטענד, ווען דאָס קריגס־ און רעוואָלוציאָנס־רעכט האָט נישט קיין פריינד פון א לאַנגען אינסטאַנצען־וועג.

ביי אַזעלכע אומשטענדען קאָן דער פּראַקטי־שער אנטיסעמיט בעקומען אַרביט. ער דאַרף נישט שאַפען קיין געלעגענהייטען, ער קאָן אויס־נוצען די געגעבענע געלעגענהייטען, ער האָט נישט נויטיג צו פאָדערן אויסנאַהמס־געזעצען. ער דאַרף נאָר אויסנוצען געגען דעם יודען די, וועלכע זענען שוין פאַראַן. די יודישע שונאים פון אַלע מינים שפּירען די בעסטע קאָניונקטור, און אַלע בעוואָפענען זיך צו א גרויסען דין־וחשבון מיט די יודען.

די אָברעכענונג האָט זיך אָנגעהויבען אין רוס־לאַנד, אין אוקראַינע, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין רומעניען, און איצט ווידער אין דייטשלאַנד — ווילדעווען די יודען־כעררער. די פעלקער גלוי־בען, אז מען קאָן דערגרייכען צו פריהייט, לויט פערשידענע אויסטייטשונגען, נאָר איבער יודי־שע קערפּערס. טויזענדער יודישע מתים ציי־כענען אָן דעם וועג צו נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיגקייט. די שוואַרצע פאָהן איז רויט גע־וואָרען. דער יודען־פּאָגראָם איז געבליבען. א ציטער בעפאַלט די יודען, ווען עס ציהען־פאַר־ביי די פון דער יונגער פריהייט־פער'שיכור'טע מאַסען. נישט אומעטום ווערט געמאָרדעט און גערויבט. דאָ און דאָרט בענוגענט מען זיך מיט אומבלוטיגע פערפאָלגונגען. אין דייטש־עסטרייך, יוגאָסלאַוויען און בעהמען — זענען די ערשטע פעראָרדנונגען פון די בעאַמטע געווען — אויס־צוווייזען די יודישע קריגס־פליכטלינגע און זיי צו שיקען „אהיים“, ד. ה. צו יאָגען זיי אין בלוטיגען עלענד, אין די הענד פון די פּאָגראָמש־העלדען אין אוקראַינא און אז. וו. ביים בעראַ־טען זיך וועגען נייע געזעצען בעמערקט זיך אר־מעטום די שטרעבונג צו האַלטען די יודען פונ־דערווייטען. קורץ, מען רעכענט זיך אָב בלוטיג און אָהנבלוטיג.

די געצעהלטעלטע האָפנונג פון די אַסימילאַ־ציע־יודען, אז די פרייהייטליכע רעוואָלוציע וועט אונטער זיך בעגראָבען דעם אנטיסעמיטיזם, האָט זיך ארויסגעוויזען אַלס אָבגענאַרטע. זי האָט די יודען, קודם־כל, געבראַכט צווישען צוויי פייערן. די רעאַקציאָנערען בעטראַכטען דעם יודען אַלס דעם אַרויסרופער פון דער רעוואָלוציע און מאַ־כען איהם פאַר איהר פעראַנטוואָרטליך. פאַר די רעוואָלוציאָנערען ווידער זענען די יודען די פּראָפיט־מאַכער און די פּראָצענטניקעס. די פּיה־רער פון דער רעוואָלוציע היטען זיך געגענצור־ווירקען געגען די אנטיסעמיטישע אינסטינקטען פון דער מאַסע. זיי בעמיהען זיך גאַנץ אָפען די יודען־פראַגע אויסצומיידען.

וואָס זאָל מען, אַלזאָ, טהון? ווי אזוי קאָן מען זיך אַנטקעגענשטעלען דעם אנטיסעמיטיזם, וועל־כער איז אין דער קריגס־צייט ריזיג אויסגעוואַקסען?

די ליבעראַלע יודען־פיהרער האָבען אונטער דער האַנד זייער אַלטען רעצעפּט: מען מוז אויפ־ווייזען, מען מוז די נישט־אויסנעהאַלטענקייט פון די אַנקלאַגעס געגען יודען בולט אויפווייזען. מען מוז ברענגען אַלע דאַטען און ציפערן, פון וועל־כע מען קאָן דייטליך זעהן, אז די חטאים, וואָס יודען זענען בעגאַנגען בשעת מלחמה, זענען נישט צאָהלרייכער און נישט שווערער, ווי די פער־ברעכענס פון די נישט־יודען. מען מוז אַלץ אילוסטרירען, וואָס עס רעדט פאַר דער אָפּפער־גרייטער פאַטערלאַנד־ליבע פון די יודען. אַלע פון זיי ערוואָרבענע אויסצייכענונגען, אַלע דורך בלוט־געבראַכטע קרבנות — מוז מען זאָרג־פעלטיג אויפשרייבען, צוזאַמענרעכענען און פער־גלייכען. דאָס גאַנצע דאַרף מען איבערגע־בען אין א בוך. דאָס בוך מוז אויסגעלעגט ווע־רען אויפ'ן טיש פון אַלע רעגירענדע און פּאָליטי־קער, אין אַלע פּאַרלאַמענטען און די ברייטס־טע פאָלקס־שיכטען מוז בעקאַנט ווערען זיין אינ־האַלט.

דאַן, ישראל, קאָנסטו רוהיג זיין!

די מעטאָדע איז פונקט אזוי אַלט ווי שלעכט. זי איז פונקט אזוי פרוכטבאַר, ווי דער פּרוּוו אויסצושעפּען דעם אָקעאַן מיט א ליקער־גלעז־על. מיט דעמזעלבען „ערפאָלג“ קאָן מען זיך שטעלען אין וועג פון א ווילדען אָקס, כדי איהם צו ברענגען דערצו, ער זאָל זיך אָבשטעלען דורך א גוטמוטיגען צורעדען און זאַכליכע אַרגומענטען. זינט צוויי טויזענד יאָהר ווערען אַזעלכע אַבוועהר־ביכעלעך געשריבען פון אייניגע יודישע מעצענאַטען, טייער בעצאָהלט, פון ווייניג יודען געלעזען און פון נישט־יודען אפילו נישט אָנגעקוקט. אַנ'אויסנאַהם בילדען די אייניגע פאַך־אנטיסעמיטען, וועלכע לייענען און קריטיקירען די דאָזיגע שריפטען צוליב געשעפטליכען אינטע־רעסע. אָבער געמענט פון אנטיסעמיטען, וועלכע זאָ־לען האָבען חרטה־געהאַט אויף זייער יודען־האַס, זענען ביז איצט נאָך נישט בעקאַנט.

אויך אין יודישע קרייזען כאַפּט מען די דאָ־זיגע אַבוועהר־שריפטען נישט אויס, און דאָס זאָגט בלויז עדות אויף דעם געזונדטען פער־שטאַנד פון דורכשניטס־יודען, וועלכער זעהט נישט אין אַזעלכע כתבים קיין רפואה פאַר דער מכה אנטיסעמיטיזם. אין די ביבליאָטעקען פון די קול־טוס־געמיינדעס, אויף די שרייבטישען פון די רעפּרעזענטאַנטען און אין די מאַקולאַטור־ווינקלען פון יודישע בוכהאַנדלונגען, פיהרען די דאָזיגע בראָ־שורען און ביכער זייער אונאויפגעשניטענע און פערשטויבטע עקזיסטענץ.

דער אַנטיסעמיטיזם אָבער שפּראָצט און בליהט ווייטער. דעריבער איז די דאָזיגע מעטאָדע נישט בלויז שלעכט, — זי איז דערנידעריגענד און שענדליך. זי בעדייט א הסכמה צו דער מיאוס'טער אַרט פון יודען־בעקעמפונג. ווער עס בעדינט זיך מיט דער דאָזיגער מעטאָדע, אַנערקענט דער־מיט די בערעכטיגונג פון'ם קאַמפּף־אופן פון יענע אנטיסעמיטען, וועלכע ווילען בעאורטיילען דאָס יודישע פאָלק לויט זיינע פערברעכער. לגבי וועלכען פאָלק אין דער וועלט וואָגט מען עס צוצוגעהן מיט אַזא מאַסשטאַב? ווען א דייטש האָט עמיצען בעשווינדעלט, שטעלט מען איהם פאַר'ן געריכט. קיינער וואָגט נישט צוליב איהם צו שלעפּען דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק פאַר דעם וועלט־געריכט און צו שטעלען איהם צום שאַנד־סלופּ.

מיר, יודען, אָבער דאַרפען זיך לאָזען אַריינ־שטופּען אין א מצב פון ערבים פאַר אַלע יודי־שע קרימינאַליסטען! מיר דאַרפען טעגליך לייע־נען מיט ציינקלאַפּען די געריכטס־רובריק אין די צייטונגען און ציטערן, אז עס זאָל זיך דאָרט, חלילה־וחס קיין יודישער נאָמען נישט געפינען. מיר זאָלען זיך געפינען אונטער'ן פחד פון אַנ'־אויפגעהויבענע ביטש, ווען עס וועט זיך געפינען ערגעץ אין א ווינקעל פון שטאָדט ביי א וועלכען־נישט־איז־יודען, א בעהאַלטענער זאַק מעהל, אָדער א פאַלשער דאָקומענט. מיר דאַרפען, ווי די משוגעים, אהינלויפען מיט אַנ'אַבוועהר־ביכעל אין די הענד און שרייען: „אום גאָטעס ווילען, געעהר־טע העררען, פעראַלגעמיינערט נישט! בעליידיגט נישט דאָס גאַנצע יודענטום! דאָס זענען נאָר איינצעלנע אויסנאַהמען, מיר ווילען דאָס סטאַ־טיסטיש בעווייזען און די אויסוואורפען וועלען מיר פייערליך פערטרייבען פון יודענטום. היי־ליגע סטאַטיסטיק, שמעה אונז, אָרעמע און גע־פּלאָגטע יודען, ביי!“...

מיר דאַרפען כסדר אונזערע אייגענע לומפּען פערקלענערן און ריינוואַשען און תמיד ארויס־שמעקען אין די געזעלשאַפטליכע ריגשטאָקען פון אַנדערע פעלקער, צי דאָרטען געפינען זיך נישט מער און נאָך שמוציגערע פערברעכער ווי פון יודען.

ניין! מיר קאָנען דאָך נישט אַלע און מוזען נישט אַלע אַרומלויפען מיט גאָלדענע טאַפּפער־קייטס־מעדאַלען אָדער מיט אַראָבגעשאָסענע פיס, אָדער גאָר שלאָפען מיט דעם גרויסען העלדען־שלאָף אויף די בית־עולמ'ס, און דאָס אַלץ צו־ליב דער ליבער „יודענסטאַטיסטיק“!

בענעהט א יוד א פערברעכען — זאָל איהם דער ריכטער משפּט'ן. מיר אָבער זענען נישט מחויב מיט א דעמאָנסטראַטיווער קללה צו פער־טרייבען איהם פון דער יודישער געמיינשאַפט, מיר זענען אויך נישט מחויב פאַר יעדען יודי־שען לאַפּוו צוצושטעלען צוואַנציג אָרישע שווער־פערברעכער, פאַר יעדען יודישען גאַרנישט צו־צושטעלען א טוץ קריסטליכע גענעראַל־פערברע־כער, ווייל טאָמער נישט, וועט חלילה־וחס קאַ־ליע ווערען אונזער „אַבוועהר־סטאַטיסטיק“.

(המשך מאָרגן.)

די פּאָליטיק פון דער וואָך:

היטלעריזם און פאַשיזם.

אין משך פון די לעצטע פאַר טעג קומען פון איינגלאַנד אַלאַרמירענדע ידיעות, אז דייטש־לאַנד פּראָבירט אויף א פרידליכען אופן אַנעקסיאָ־ניסטישע גליקען, אז דער נייער רעזשים וויל פער־שפּרייטען די השפּעה אין דייטשען טייל פון דער שווייץ, אז מען זוכט שוין גליק אין האָלאַנד, אָנ־שפּאַהענדיג אפילו אין שוועדען.

די ידיעות וועגען די פּראָבען פון דעם היטלע־ריסטישען רעזשים צו פערשטאַרקען די השפּעה אין די דערמאָהנטע, נייטראַלע בעת דער וועלט־מלחמה, לענדער, האָבען א ספּעציעלע כאַראַקטע־ריסטישע בעדייטונג.

די נאַציאָנאַליסטען זענען נישט אזוי נאַאיוו, כדי צו פּראָבירען שוין איצט גליק און פערכאַפּען די דערמאָהנטע לענדער. זיי ווילען בלויז פערשטאַר־קען דעם איינפלוס, כדי צו קענען אויסנוצען די דערמאָהנטע מלוכות אין פאַל פון א מלחמה. זיי ווילען אויסקעמפען פאַר זיך האַרט א פריינדליכע נייטראַליטעט. מען דאַרף, אַלזאָ, נישט בעהאַנדלען די דייטשישע פּראָבען, אויף א פּשוט'ען אופן. די אַק־ציע איז בלויז א צוגרייטונגס־אַרבייט צו אַלע מעגליכע מיליטערישע צוזאַמענשטויסען פון נייעם רעזשים.

די אַרבייט ווערט געפיהרט זעהר געשיקט. אין אַלע לענדער פערשטאַרקט זיך איצט די פאַשיס־טישע בעוועגונג. מען שרייבט־איבער פּראָגראַמען פון איטאַליען און דייטשלאַנד און אין די לענדער, וואָס געפינען זיך האַרט ביי דער דייטשער גרע־נעץ, אָדער זיי געהערען צום גערמאַנישען שטאַם איז לייכטער אָנצוקנעפּען דעם פאַשיסטישען מוס־טער פון היטלער'ן, אַרויסרופענדיג סימפּאַטיעס פאַר דייטשלאַנד.

געגען דער דאָזיגער אַקציע איז שווער אפילו צו פיהרען א קאַמף. עס פיהלען שוין די בירגער פון דער שווייץ די היטלעריסטישע השפּ־עה, עס האָט זיך שוין האַרט אַריינגעריסען אויך דער אַקטיווער אנטיסעמיטיזם, מען ליקווידירט שוין דאָרט עקסטרעמע אָרגאַניזאַציעס און עס שאַפט זיך שוין אין דער שווייץ א יונגער־גרופּע, וואָס רעדט וועגען „זיגעס־באַנער“ פון דער גער־מאַנישער ראַסע.

די פאַשיסטישע בעוועגונג האָט אויך א גרוי־סען ערפאָלג אין אירלאַנד. עס איז שוין געשאַ־פען געוואָרען אַנ'אָרגאַניזאַציע פון בלויע העמ־דער מיט דעם געוו. שעף פון דער אירלענדישער פּאָליציי גענעראַל אָ'דופּפי בראשו.

דער גענעראַל האָט שוין אויך מיט אַנ'־ענטשידענעם קאַמף געגען מאַרקסיזם און ראַדי־קאַלע לאָזונגען. ער אָרגאַניזירט דאָס אירלענדי־שע קלייבבירגערטהום, און שוואַכט־אָב אַזוי־אַרום די אונאָבהענגיגקייטס־בעוועגונג אין לאַנד, וועל־כע איז געפיהרט געוואָרען געגען ענגלאַנד אונטער דער אָנפיהרונג פון פּרעמיער דע וואַלערא.

די דאָזיגע פאַשיסטישע בעוועגונג איז אָרגאַני־זירט געוואָרען אין אירלאַנד דורך דער ענגלישער „אינטעליגענס סערוויס“, כדי אָבצושוואַכען די אַקציע פאַר אָברייסען זיך פון ענגלאַנד און פער־שאַפען דע וואַלערא'ן אַלע מעגליכע שוועריגקייטען.

דער פאַשיזם ווערט געשטיצט דורך דייטש־לאַנד אויך אין לעטלאַנד און אין עסטלאַנד. קורצ־לעך איז געלונגען דאָרט צו געווינען פאַר דער בע־וועגונג אַלע דייטשען; די אָרטיגע צייטונגען, וועל־כע זענען געווען געשטיצט דורך דער צענטראַלע אין בערלין האָבען זיך ממילא „גלייכגעשאַלטעט“. די צייטונגען זענען שוין פאַקטיש די אָרגאַנען פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי. אָבער די השפּעה פערגרייכט ווייטער. עס שאַפען זיך שוין שטאַרקע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פון לעטען און עס־טען. פערשטעהט זיך, אז יעדע גרופּע אַזוינע טראָגט הויך די פאָהן פון אנטיסעמיטישען כולי־גאַניזם.

אמת, די עסטען און די לעטען זענען אין א פערלעגענהייט. זיי קענען נישט געהן מיט זייע־רע „מחותנים“, מיט די היטלעריסטען, ווייל דער דייטשער פיהרער האָט [illegible] בעציהט זיך זעהר קאַלט צו לעטלאַנד און עסטלאַנד. ער האַלט די עסטען פאַר א מינדערוויערטיגע ראַסע און קוקט אויף זיי, ווי א מיטגליד פון העררען־פאָלק אויף זיינע קנעכט...

דער פאַשיזם אין די לענדער ווערט מחוץ דעם ווייטער אָנגעטרעבען אויף גרויסע שוועריגקייטען. די מענשען, וואָס פיהרען איצט אַנ'אַגיטאַציע פאַר דייטשע געלד וועלען זיך מוזען אָבטרייסלען פון דייטשלאַנד, ווייל אין לעטלאַנד און אין עסטלאַנד איז נאָך געבליבען שטאַרק אין זכרון די בעציהונג פון די דייטשע באַראָנען צו די אָרטיגע פּויערים.

דערווייל אָבער צייכענט זיך דער לייטמאָטיוו פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון דער נאַצי־פּאַר־טיי — ראַזענבערג, די פערברייטערטע ספערע פון איינפלוס און זעהט מיט צופרידענהייט, אז דער קרייז פון די פאַשיסטישע לענדער, וואָס רינגלען אַרום דעם רעטען־פערבאַנד ווערט גרעסער (פּינ־לאַנד).

ב. זינגער

דוד בן־גוריון קלערט אויף
איז א געשפּרעך מיט אונזער מיטארבייטער
ווייטערדיגע טאַקטיק פון די לינקע אויפ׳ן ציוניסטישען קאנגרעס
(פון אונזער ספּעציעלען שליח י. בן־יצחק)

די ערשטע לעבעדיגע זיצונג אויפ׳ן קאנגרעס

און די קולוארען פונ׳ם קאנגרעס האט מען גע-קענט הערען די ערשטע צוויי טאג איין קלאַג-שטימע:

— עס איז א לאנגווייליגער קאנגרעס... עס געשעהט עפּעס גאר נישט...

און אט די טענה האט איהר געקענט הערען נישט בלויז פון זשורנאליסטען, וואס האבען ממש געגעניצט פון גרויס לאנגווייליגקייט און נישט בלויז פון די געסט, וואס האבען זיך געפיהלט ענט-טוישט דערפון, וואס זיי האבען נישט קיין שום „סענסאציעס" און „רעוואלוציעס" ווי בכלל קיין שום לעבעדיגע בילדער גאר אפילו פון די ערנסטע קאנגרעס-דעלעגאטען, וועלכע וואלטען אפשר גע-ווען צופרידען פון דער שטילקייט אויפ׳ן קאנגרעס, ווען נישט דאס, וואס אט די שטילקייט איז געווען א שטארק נישט זיכערע און האט געשמעקט מיט דעם איינגענארטיגען טעם פון א שטילקייט, וואס זאָגט אן א שטורם...

אבער ענדליך האט מען זיך דערוואַרט צו א לעבעדיגער זיצונג אויפ׳ן קאנגרעס. דאס איז גע-ווען די זיצונג פון מיטוואך פריה און מען מוז מודה זיין, אז די לעבעדיגקייט וועט בלייבען לאנג אין זכרון פון די קאנגרעס-בעזוכער.

די לעבעדיגקייט איז געקומען ארום דער פרע-זידיום-פראגע, וואס האט לאנגע טעג פערנומען די מחשבות פון די אינציאַנס-קאמיטעט-מיטגלידער און בתוכם זענען געמאכט געווארען די ווייט-געהענדע-סטע אנשטרענגונגען צו דערגרייכען צו א פול-שטענדיגען הסכם צווישען די פראַקציעס און ער-מעגליכען ווייטער פארצושטעלען די טראַדיציעס פון די ציוניסטישע קאנגרעסען, אז דאס קאנגרעס-פרעזידיום זאל זיין פערטרעטען דורך אלע פראַק-ציעס. די שטאַרקסטע פראַקציע אויפ׳ן קאנגרעס, די לינקע פאר׳ן ארבייטענדען א״י, האט נאך פאר׳ן קאנגרעס געמאלדען, אז זי וועט בשום אופן נישט זיצען ביי איין פרעזידיום-טיש מיט די רעוויזיא-ניסטען צוליב דעם ארלאזאראוו-מאָרד, אין וועל-כען זיי ווערען בעשולדיגט.

פון פערשידענע זייטען האט מען פערזיכערט, אז אט די דעקלאראציע פון די לינקע איז נישט מעהר ווי א מאַניפעסטאציע און אז אין דער לעצ-טער מינוט וועלען זיי זיך אבזאגען פון זייער פער-עקשנ׳טער שטעלונג. ארויסגעוויזען האט זיך אבער, אז דאס איז נישט געווען בלויז א מאַניפעסטאציע און אז דער לינקער פליגעל האט בעשלאסען פאר יעדען פרייז דורכצופיהרען אט די שטעלונג.

דער קאמף ארום דער פרעזידיום-פראגע, וואס האט זיך אנגעהויבען נאך פון פאר דעם קאנ-גרעס האט היינט בעקומען זיין פינאל דורך דער אבשטימונג, וועלכע האט זיך געענדיגט מיט א מעהרהייט פון צוויי שטימען לטובת די לינקע און וועלכע איז געווען רייך אין עטליכע שטורמישע מאמענטען. דער פינאל וואלט אהן שום ספק געווען א בעדייטענד שטורמישער ווען נישט אט דער גרא-טעסק-קאמישער מאמענט, וואס ביידע זייטען, ד.ה. סיי די לינקע מיט זייערע פערבינדעטע און סיי די רעוויזיאניסטען-מזרחי און זייערע פערבינדעטע — זענען יעדער איינער געווען זיכער אין זיין נצחון. און אויסגעלאזען האט זיך, אז פאקטיש ווער ווייסט ווי די רעזולטאטען וואלטען אויסגעזעהן ווען עס פעהלען נישט פיר מענשען פון „מזרחי" און רע-וויזיאניסטען. אזוי, יעדענפאלס פערזיכערען די דורכגעפאלענע רעוויזיאניסטען-מזרחיסטען, אז זייער דורכפאל איז א צופעליגער, אבער, פערשטעהט זיך, אז דאס איז א קליינע נחמה...

עס האט זיך אלזא געשאפען אזא לאגע, אז דאס קאנגרעס-פרעזידיום איז אויסגעוועהלט גע-ווארען אהן פערטרעטער פון צוויי פראַקציעס און די ערשטע דאמינירענדע ראלע האט אויף דעם קאנגרעס געשפּילט דער פערשטארקטער לינקער פליגעל.

איך האב זיך דעריבער געווענדעט צו דעם לי-דער פון דער ארבייטער-פראַקציע אויפ׳ן קאנגרעס ד. בן-גוריון און מיט איהם פערפיהרט א קורצען געשפרעך וועגען דער ניי-געשאפענער לאגע אויפ׳ן קאנגרעס און אט וואס איך האב פון איהם ארויס-בעקומען:

— אונזער שטעלונג און טאַקטיק בנוגע די רעוויזיאניסטען — ערקלערט מיר ד. בן-גוריון — איז א גאנץ קלארע און מיר וועלען זי פארטזעצען. מיר האבען שוין ביי דער פרעזידיום-פראגע בעוויזען, אז מיר זענען נישט אויסען הוילע מאַניפעס-טאַציעס און מיר וועלען דאס ארויסווייזען אויך אין אונזער ווייטערדיגער שטעלונג בנוגע די רעווי-זיאניסטען. אין די קאמיסיעס וועלען מיר די רע-וויזיאניסטען אריינלאזען, ווייל דאס איז זייער רעכט און מיר קענען זיי דאס רעכט נישט צונעה-מען.

וואס אנבעלאנגט דער פראגע פון דעם צוזא-מענשטעל פון דער נייער עקזעקוטיווע — איז נאך שווער אין איצטיגען מאמענט עפּעס קלאהרעס צו זאגען. גרינבוים׳ס קאנדידאטור אלס עקזעקוטיוו-מיטגליד, איז שטארק אקטועל. וואס אנבעלאנגט פארבשטיינ׳ען, וועגען וואס איהר פרעגט מיך, וועלען מיר זיך געגענשטעלען זיין קאנדידאטור און פאדערען פונ׳ם „מזרחי" צו דעסיגנירען אן אנדער קאנדידאט, טראץ דעם בעשלוס פון דער „מזרחי"-קאנפערענץ. מיר ווילען מיט דעם מזרחי מיטארבייטען — אבער מיר וועלען פאדערען גע-העריגע בעדינגונגען, וואס זאלען אונז ערמעגלי-כען אט די געמיינזאמע ארבייט. ווייבאלד דער „מזרחי" וועט זיך איינשפארען, ווי ער האט זיך איינגעשפארט אין דער פרעזידיום-פראגע — וועט ער אליין טראגען די קאנסעקווענצען פון זיין עקשנות ווי ער טראגט זי איצט נאך די וואהלען פונ׳ם קאנגרעס-פרעזידיום.

די רעוויזיאניסטען האבען בעשלאסען דער-ווייל צו פיהרען א מעסיגע טאַקטיק און נישט ארויסצורופען קיין שום געשעהענישען, וואס קע-נען ברענגען צו טרויעריגע פאלגען. אבער ווי לאנג דער „דערווייל" וועט דויערען איז פערשטענד-ליך נאך איצט שווער פאראויסצוזעהן...

די פייערליכע אוסישקין-זיצונג פונ׳ם קאנגרעס

נאך דער שטארק-אנגעשטרענגטער זיצונג פון מיטוואך פאר מיטאג, אויף וועלכער עס האט זיך אבגעשפּילט דער קאמף צווישען די לינקע און די רעוויזיאניסטען מכוח דער פרעזידיום-פראגע איז מיטוואך אווענט אנגעקומען א פייערליכע זיצונג, די פייערליכע זיצונג געווידמעט דעם זיבעציג-יעה-ריגען יובילעאום פון מנחם אוסישקין, אדער ווי מען רופט איהם אין ציוניסטישע קרייזען דעם טאַטען פון קרן-קימת-לישראל.

די זיצונג עפענט זיך מיט א געוויסער פער-שפּעטיגונג. דער עולם אייזט זיך נישט צו קומען צו דער בעשטימטער צייט. מען איז פערנומען אין די קולואַרען און קאפע-הייזער מיט דיסקוסיעס וועגען דעם אויסגאנג פון דעם ערשטען קאמף צווי-שען די רעוויזיאניסטען און די לינקע. אזוי ווי די רעוויזיאניסטען גופא ד. ה. זייערע פערטראַנטווארט-ליכע פיהרער שווייגען וועגען זייער ווייטערדיגער טאַקטיק — האבען די פערשידענע היציגע רעדעל-פיהרער א גוטען באדען פאר פערשפרייטען פערשי-דענע קלאנגען, ידיעות און פּליאָטקעס. שפּעט אין אווענט ווערט קלאר, אז אויף דער בעראטונג פון די רעוויזיאניסטען איז בעשלאסען געווארען רוהיג זיך צו האלטען אויפ׳ן קאנגרעס און נישט ארויס-צורופען קיין שום שארפערע קאמפּליקאַציעס. אבער דער עולם נעהמט אויף מיט אומגלויבען און רע-זערוו אט די פּאציפיסטישע שטעלונג פון די רע-וויזיאניסטען.

אבער לאמיר זיך אומקערען צו דער זיצונג פונ׳ם קאנגרעס. זי הויבט זיך אן מיט׳ן געווענד-ליכען סדר-היום: בעריכט לאקער׳ס בעריכט, ליוו-יפה׳ס בעריכט וועגען „קרן-היסוד" א. אז. וו. אבער דער עולם קוקט אט אויף די ערנסטע רעפעראטען ווי אויף אן איבעריגע זאך, מען קען זיך נישט דער-ווארטען צו דעם פייערליכען טייל פון דער זיצונג, צו וועלכען עס איז שוין ספּעציעל דער זאל צוגע-גרייט געווארען דורך די בלומען-קרענץ, וואס לי-גען צוגעגרייט אויף דער בימה אזוי דיסקרעט, אז יעדער איינער, וואס האט נישט קיין שלעכטע ראיה דערזעהט זיי גלייך...

ענדליך דערוואַרטען מיר זיך אויף דעם פייע-רליכען אקט. מאצקין, דער סימפּאטישער טראדי-ציאנעלער פארזיצער פון די ציוניסטישע קאנגרע-סען, שטעלט זיך אויף פון זיין ארט מיט א פייער-ליכע מינע, און נאך איידער ער בעוויזט ארויסצו-רעדען עטליכע ווערטער ווייסט מען, וועגען וואס ער וועט רעדען. דער זאל מיט די גאלעריעס זענען איבערפולט. אנ׳אויסנאהם שטעלען מיט זיך פאר בלויז די בענק פון די רעוויזיאניסטען, וועלכע זע-נען לעדיג אחוץ צוויי-דריי רעוויזיאניסטישע „אב-סערוואטארען", וועלכע פערלאזען נישט דעם זאל. וואו זענען די רעוויזיאניסטען קיין קלארעס ווערט מען נישט געוואויר. טייל פערזיכערען, אז מיט זייער אבוועזענהייט זענען זיי גארנישט אויסען, זיי זענען גאר פערנומען אויף א בעראטונג און דע-ריבער האבען זיי נישט בעוויזען צו קומען צו דער זיצונג. אנדערע ווידער, אז זייער אבוועזענהייט איז יא אנ׳אויסגעדרעקטע: זיי האבען א „הארץ" אויף אוסישקינען, פארוואס ער האט אנגענומען דעם אויסוואהל אינ׳ם קאנגרעס-פרעזידיום טראץ דער שטעלונג צו די רעוויזיאניסטען. ער — טענה׳ן זיי — אט דער ארטליכער און גראדליניגער אל-טער ציוניסט האט נישט געדארפט מיטמא-כען און אבזאגען זיך פונ׳ם אויסוואהל...

מאצקין רעדט מיט א געריהרטע שטימע וועגען דעם קאנגרעס-יובילאר, ווייל די ציוניסטישע קאנגרעסען האבען שוין עטליכע מאל געפייערט אוסישקינ׳ס יובילעאום׳ס. נאך א שווערען און פייערליכען האלבען-טאג — האבען מיר איצט א יום-טוב — מיט די ווערטער הויבט מאצקין אן זיין בעגריסונגס-רעדע לכבוד אוסישקינען און דאס גע-זיכט פון דעם טראדיציאנעלען קאנגרעס-פארזיצער, וואס איז פארמיטאג, בשעת דער שטורמישער זי-צונג, געווען פערוואלקענט (און נישט קיין וואונ-דער: דאס איז דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאנגרעסען, וואס מאצקין ווערט נישט אויסגעוועהלט אלס פארזיצער ביי דער אל-געמיינער פּיטשטשואונג) — שיינט איצט. ער בע-קומט דאס געזיכט פון דעם שטענדיג צופרידענעם מאצקין, וואס איז צופרידען דערפון, וואס אלע זע-נען פון איהם צופרידען...

ער דערצעהלט וועגען אוסישקינ׳ס ריהרעוו-דיגקייט און ארבייטסזאמקייט אויף אלע געביטען פון יודישער און בפרט יודיש-נאציאנאלער אר-בייט. ער לייענט פאר זיין בעגריסונגס-רעדע פונ׳ם פּאפּיר, אבער מינוטען-ווייז וואַרפט ער אוועק דאס פּאפּיר, ווי די אנגעשריבענע ווערטער וואלטען אויסגעזעהן צו בלאס אין זיינע אויגען — און הויבט אן וואס אמאל פּאטעטישער, התלהבות-פּוי-לער, וואס אמאל ווענינער פונ׳ם פּאפּיר און מעהר פונ׳ם הארץ...

דער צווייטער רעדט נחום סאקאלאוו און ווי-דער, ווי אלע מאל ביי אזעלכע געלעגענהייטען, שטעהט פאר אונז אויף דער נישט פערגעסליכער פיליעטאניסט פון דער אמאליגער „הצפירה", דער אזוי היסטאריש געווארענער „אורח-לשבת". סא-קאלאוו איז אי פּאטעטיש און אי וויציג און דער עולם הערט מיט שפּאנונג אויס זיינע ווערטער און א שמייכעל איז צוגאסען אויף אלעמענ׳ס פנימ׳ער. א בעזונדער בייפאל רופט ארויס סאקאלאוו׳ס ווענדונג צו אוסישקינען: „מיר געפינען זיך אין א שטאדט, וואס האט אנ׳אלט-נייע שוהל, אויף א קאנ-גרעס, וואס פערנעהמט זיך מיט דעם אלט-ניי-לאנד איך ווינש אוסישקינ׳ען, אז ער זאל זיין דער אלט-ניי-אוסישקין.

סאקאלאוו צעהיצט זיך בשעת׳ן רעדען, זיין התלהבות שטייגט פון מינוט צו מינוט, ער ווערט אליין דערוואַרימט און דערהיצט פון די ווארעמע ווערטער — ביז ער פאלט צו צו אוסישקינען, האלזט אויף האלז און מען צעקושט זיך הארציג.

דער גאנצער זאל איז עלעקטריזירט. מען שטעהט ספּאנטאניש אויף פון די ערטער און מען בעגלייט מיט רוישיגע אפּלאדיסמענטען די סצענע ווי די צוויי ציוניסטישע וועטעראנען צעקושען זיך... איך קוק זיך ארום מיר און בעמערק, אז די אויגען פון פיל פערזאמעלטע, בפרט פרויען, זענען פייכט געווארען...

עס האבען נאך גערעדט וועגען אוסישקינ׳ען סטעפאן ווייז, אורי, הרב בערלין, גרינבוים — אבער דער רושם פון דער פייערליכער זיצונג איז געבליבען יענע זעלטענע סצענע אין די היינטיגע צייטען פון פערשארפטע ברודער-קאמפען אינ׳ם ציוניזם.

דערגענצט דעם רושם האט אוסישקינ׳ס ענט-פער-רעדע. אייגענטליך דארף אוסישקין נישט רע-דען. עס איז גענוג ער זאל זיך געבען א שטעל אויפ׳ן מיט זיין פעסטע און גראדליניג געבויטער פיגור, וואס איז אזוי פּאסיג צו זיין פעסט-ענט-שלאסענער און גראדליניגער פּסיכיק — אז ער זאל מאכען דעם פּאסיגען רושם. און איך האב מאקע מעהר ווי מיט אויער ,מיט אויג בענומען אוסישקינען. פון צייט צו צייט האט זיך אינ׳ם אויער אבגעשלאגען דאס ווארט „ערד", דאס ווארט, וואס הויבט זיך געהט קיינמאל נישט אראב פון אוסישקינ׳ס ליפּען און ווי הארמאניש און אינהאלט-פיל האט דאס ווארט געקלונגען אין זיין מויל.

צופרידענע און בעגייסטערטע איז מען ארויס אין דער שפּעטער נאכט-שעה פונ׳ם קאנגרעס-זאל. עס איז געווען די ערשטע אויפריכטיגע און בשלמות אין א פייערליכער-שטימונג אבגע-האלטענע זיצונג פונ׳ם אכצעהנטען ציוניסטישען קאנגרעס.

פּראג, 24-טער סעפּטעמבער.

סענסאציאנעלע מאמענטען אין פערהער פון אחי-מאיר, סטאווסקי און ראזענבלאט

יפו, 25 (ימ"א). פאר׳ן בריטישען אויספאר-שונגס-ריכטער אין יפו איז היינט פארגעקומען א ווייטערדיגער פערהער פון אבא אחי-מאיר, אברהם סטאווסקי און צבי ראזענבלאט.

דער פארשטעהער פון דער פּראקוראטור האט, פארשטעלענדיג די בעשולדיגונגס - בעווייזען געגען אחי-מאיר׳ן, ציטירט פאר׳ן ריכטער אויסצוגען פון דעם טאגבוך, וועלכען די פּאליציי האט קאנפיס-קירט בעת דער רעוויזיע אין אחי-מאיר׳ס הויז. אויפ׳ן יסוד פון די דאזיגע אויסצוגען בעווייזט די פּראקוראטור, אז אחי-מאיר האט בעגינסטיגט פּאָ-ליטישע פערברעכענס. איין אויסצוג פון אחי-מאיר׳ס טאג-בוך לייענט זיך:

„פתח-תקוה. עס איז פארגעקומען א זיצונג פון רעוויזיאניסטישען ועד. די גרופּע „א" האט זיך ארויסגעזאגט פאר מאחה, ווינשאל (דר. יעקב ווינשאל — דער בעקאנטער פיהרער פון די א״י רעוויזיאניסטען. — רעד.) האט פארגעשלאגען אבצו-לעגען ביז נאכ׳ן קאנגרעס. חות זיין פארשלאג איז נישט אנגענומען געווארען, איז ווינשאל אוועק".

אלס עדות איז היינט פערהערט געווארען א געוויסער משה כהן, וועלכער איז געהאט ארעס-טירט געווארען פאר א גנבה און מען האט איהם איינגעזעצט אין איין קאמער מיט ראזענבלאט׳ן.

כהן ערקלערט פאר׳ן געריכט, אז אין דער תפיסה-קאמער האט ער זיך פארגעשטעלט ראזענ-בלאט׳ן אלס רעוויזיאניסט און געוואונען ראזענ-בלאט׳ס צוטרוי.

ראזענבלאט, דערצעהלט כהן, האט זיך פאר איהם, דעם עדות, מודה געווען, אז ער האט ער-מארדעט דעם דר. ארלאזאראוו צוליב פּאליטישע מאטיווען. ראזענבלאט זאל אויך האבען צוגעגע-בען, אז סטאווסקי איז פערמישט אין דעם מארד, אבער יהודה מינץ — נישט.

ביי די דאזיגע ערקלערונגען פון כהן האבען זיך סטאווסקי און ראזענבלאט אויפגערעגט פון די ערטער אויף דער בעשולדיגונגס - באנק און אויס-געשריגען, אז כהן זאגט ליגען.

דער ווייטערדיגער פערהער אין דעם ענין אחי-מאיר - סטאווסקי - ראזענבלאט איז אבגע-לעגט געווארען ביז׳ן 15-טען סעפּטעמבער.

בעת דעם נעכטיגען עדות-פערהער פון אחי-מאיר׳ן האט דער פארשטעהער פון דער פּראקורא-טור ערקלערט, אז די פּראקוראטור האט בעשלאסען צוצוציהען אחי-מאיר׳ן צו דער בעשולדיגונג. און-טער וועלכער עס געפינען זיך סטאווסקי און ראַ-זענבלאט. אין צוזאמענהאנג מיט דעם האט דער ריכטער פארגעלעזען אחי-מאיר׳ן, ווי עס פאדערט די פּראצעדור, אלע עדות-ערקלערונגען, וואס זענען ביז-איצט געהאט אבגעגעבען געווארען אין דעם ענין סטאווסקי-ראזענבלאט-מינץ. אחי-מאיר האט געשטעלט פראגען איינינע פון די פריהערדיגע עדות, צוו. אנד. דר. אלאמין (פון הדסה-שפּיטאל אין תל-אביב) וועלכער האט געהאט דער ערשטער בעהאנדעלט דעם שטערבליך-פערוואונדעטען דר. ארלאזאראוו, פרוי סימא ארלאזאראוו און דעם קאַ-לאנעל רייס, דעם שעף פון קרימינאל-אויספאר-שונגס-אמט ביי דער פּאליציי. דער לעצטער האט צוו. אנד. ערקלערט, אז פאר׳ן טויט האט ביי דר. ארלאזאראוו אבגעגעבען ערקלערונגען א געוויסער פּאליציי-אפיציר, וועלכער וועט נאך אויסגעהערט ווערען אלס עדות. אויף דעם דאזיגען פערהער איז אויך פעסטגעשטעלט געווארען, אז בעת׳ן מארד איז נישט געמאכט געווארען קיין שום פערזוך צו בעראובען דר. ארלאזאראוו׳ן. וועלכער האט ביי זיך געהאט 60 פונט. דאס דאזיגע געלד איז שפּע-טער אבגעגעבען געווארען דער אלמנה.

יפו, (ימ"א). דער טעלעגראפישער בעריכט וועגען פערהער פון די 14 ארעסטירטע רעוויזיא-ניסטען פון יפו׳ער געריכט דארף ערגענצט ווע-רען מיט פאלגענדע פרטים:

פון דעם בעשולדיגונגס-מאטעריאל איז צו זע-הען, אז די אנגעקלאגטע האבען געפיהרט זייער קאנספּיראטיווע טעטיגקייט זייט 1931 מיט׳ן

(ענדע אויף זייט 5)

ארץ-ישראל איז א נייער אויפבוי-תקופה

די יודישע אינדוסטריע קאן נישט בעפרידיגען דעם ארץ-ישראל'דיגען ישוב. — אויסלענדישע קאפיטאליסטען פערשטעהן צו מאכען מסחרים אין ארץ-ישראל. — די שנעלע קאמוניקאציע-ענטוויקלונג אין לאנד. — דער דורכפאל פון דער אראבישער אויסשטעלונג אין ירושלים. — אראבישע סוחרים ווילען זיך בעטייליגען אין דער יודישער אויסשטעלונג אין יאהר 1934. — די צוגרייטונגס-ארבייטען צו דער אויסשטעלונג.

(א בריף פון אונזער ארץ-ישראל קארעספאנדענט ב. בארניק.)

דער פארט אין חיפה איז די וואך געעפענט געווארען.

מיר ווייסען גאנץ גוט, אז קיינער נישט, סיי די ענגלענדער און סיי די אראבער, וועלען נישט אפען מודה-זיין אז דאס אויסבויען פון דעם גראנדיעזען האפען איז צו פערדאנקען די יודען, אבער אין הארצען ווייסען אלע, אז א דאנק דער גרויסער יודישער עליה, א דאנק דעם יודישען קאפיטאל, א דאנק די יודישע שפייערען, א דאנק דער יודישער אינדוסטריע, איז מעגליך געווארען אויסצובויען דעם האפען.

איצט איז ארץ-ישראל אריין אין א נייער פאזע פון לעבען. איצט הויבט זיך אן א נייע תקופה אין לאנד.

איצט דארף די ענגלישע רעגירונג אנהויבען צו פערווירקליכען איהר צוזאמען פלאן פון אויסבויען א באהן-ליניע חיפה-באגדאד, עס קאן אויך א סך אויפגעטאהן ווערען ביים אויסברייטען דעם אויטאבוס-פערקעהר ביז איראק און פערסיען.. די פאסט-קאמוניקאציע דורך די אייראפלאנען האט שוין בעוויזען, אז עס לוינט זיך, אז מען ברענגט זיך דערביי איין צייט און געלד, זוען פון ירושלים קיין באגדאד קאן מען דערגרייכען אין משך פון דרייסיג שעה.

עס וועט דעריבער אויך מוזען געשטעלט ווערען די פראגע פון איינפיהרען א ביליגע לופט-קאמוניקאציע צווישען ארץ-ישראל און די שכנות'דיגע לענדער, ווייל די האנדעלס-בעציהונגען צווישען ארץ-ישראל און דעם נאהענטען מזרח פערשטארקען זיך וואס אמאל אלץ מעהר און מעהר.

אבער מען מוז מודה-זיין, אז דער יודישער ישוב איז נאך נישט צוגעגרייט צו דעם נייעם שנעלען ענטוויקלונגס-פראצעס פון לאנד.

די צעמענט-פאבריק „נשר" למשל, קאן פשוט שוין היינט נישט בעפרידיגען די גרויסע נאכפראגע אויף צעמענט. דעם זעלבען גורל האט אויך די קאלך-פאבריק „אבן-סיד".

אויך די פשוטע בעלי-מלאכות קאנען מעהר נישט בעפרידיגען די נאכפראגען אויף פאמעראנצען-קעסטלעך און היי-יאהר וועט מען אויך מוזען ברענגען קעסטלעך פון פוילען (זעקס מיליאן קעסטלעך וועט היי-יאהר ארץ-ישראל פערברויכען).

דאגעגען פערשטעהען שוין גוט אויסצונוצען ארץ-ישראל די אינטערנאציאנאלע קאפיטאליסטען היסטערוג, אז דא קאן מען אבלעקען א פעט ביינדעל, אזוי האט די ענגלישע שיפס-געזעלשאפט „בריטיש שיפינג-קאמפאני" איינגעפיהרט א דירעקטען שיפס-פערקעהר ענגלאנד—ארץ-ישראל, דריי מאל א חודש.

די האלענדישע רעגירונג האט געקויפט א גרויסען שטח באדען צו בויען א לופט-סטאציע אמסטערדאם—האלענדיש אינדיען.

אויך די אראבער האבען לעצטענס אנגעהויבען צו קויפען גרויסע אויטאבוסען צו פיהרען סחורות פון דארף אין שטאדט. בלויז אין די ערשטע צוויי חדשים פון דעם יאהר 1933 זיינען אריינגעבראכט געווארען אין לאנד אריין אויטאבוסען פאר 31.500 פונט, בעת פאר די זעלבע צוויי חדשים יאנואר-פעברואר 1932 זיינען אריינגעבראכט געווארען אויטאבוסען פאר 12.000 פונט.

ווי מען גיט איבער האט אויך אן ענגלישע געזעלשאפט געקויפט א נייע שיף, ספעציעל צו אויספיהרען פאמעראנצען פון יפו קיין ענגלאנד. די שיף וועט אדורכמאכען דעם וועג אין משך פון צעהן טעג, בעת ביז איצט האט דער זעלבער וועג געדויערט 16—18 טעג. פאר דעם פאמעראנצען-טראנספארט האט עס א גאר גרויסע בעדייטונג. דער פערשנעלערטער טראנספארט-פערקעהר, וועט זיכער צוהעלפען אנטוויקלען אן ענגערן האנדעלס-קאנטאקט צווישען ענגלאנד און ארץ-ישראל.

די וואך איז געשלאסען געווארען די אראבישע אויסשטעלונג אין ירושלים, וועלכע איז אפען געווען א חודש צייט.

דאס אליין, וואס די אראבער האבען בעשלאסען צו עפענען אן אייגענע אויסשטעלונג בעווייזט, אז די אראבער הויבען זיך אן עקאנאמיש צו ענטוויקלען, און אויך דא מוז מען מודה-זיין, אז זיי האבען דאס צו פערדאנקען די יודען, ווייל די גאנצע אראבישע אויסשטעלונג איז דאך געווארען נאכגעמאכט דער יודישער אויסשטעלונג.

אבער נאך האבען די אראבער נישט פערשטאנען, אז כדי עקאנאמיש צו ענטוויקלען דאס לאנד מוז מען געהן האנד-ביי-האנד מיט די יודען און ס'איז אן אומזין נישט צוצולאזען קיין יודען צו דער אויסשטעלונג. דערמיט אליין האט די אויסשטעלונג בעקומען א פאליטישען כאראקטער און דערפאר האט זי געהאט אזא גרויסען דורכפאל, אז די אראבישע סוחרים אליין האבען אנגעהויבען צו אינטערווענירען ביי דער ענגלישער רעגירונג, מען זאל די אויסשטעלונג וואס גיכער שליסען, ווייל די אויסשטעלונג איז באלד אויף דער צווייטער וואך נאך איהר ערעפענונג פערוואנדעלט געווארען אין א ביליגען באזאר. די סוחרים, וואס זענען געקומען צו דער אויסשטעלונג, האבען געהאפט, אז זיי וועלען קאנען שליסען גרויסערע טראנזאקציעס, לסוף זענען קיין גרויסע קונים בכלל נישט געקומען.

איינציגע אראבישע מדינות האבען אפילו נישט געענטפערט אויף דער איינלאדונג פון די אראבישע ארגאניזאטארען. אזוי, למשל, האט נישט געענטפערט אויף דער איינלאדונג די איראקער רעגירונג, די רעגירונג פון לבנון און אנדערע מדינות. די אראבישע סוחרים, וועלכע האבען בעטראכטעט פיל געלד ביי דער אויסשטעלונג, האבען לכל-הפחות געוואלט ראטעווען וואס עס לאזט זיך און זיי האבען אנגעהויבען צו פערקויפען זייערע סחורות אונטער'ן קרן, ווי אין א ביליגען אויספערקויף-באזאר. דאס האט טאקי געבראכט דערצו, אז די אראבישע סוחרים אין ירושלים האבען זיך גענומען גיך צוזאמען צו אינטערווענירען ביי דער ענגלישער רעגירונג מען זאל וואס גיכער שליסען די אויסשטעלונג, די אראבישע ארגאניזאטארען האבען פערשטאנען, אז אזא זאך קאן פערשטאנען ווערען ווי אן אמת'ער דורכפאל. האבען זיי געכאפט די פויש פאר דער נעץ און אליין געשלאסען די אויסשטעלונג.

איצט הערט מען שטימען פון איינצעלנע אראבישע פיהרער, אז מען האט שלעכט געמאכט, וואס מען האט נישט איינגעלאדען קיין יודישע סוחרים צו דער אויסשטעלונג.

און איינס קאן מען אבער זיכער זאגען: אין דער נאהענטסטער ארץ-ישראל-אויסשטעלונג (אין דער יריד), וואס עפענט זיך אנהויב פרילינג אין יאהר 1934, וועלען די אראבישע סוחרים פון ארץ-ישראל זיך בעטייליגען אין א פארגרויסערטער צאהל.

שוין היינט, ווען עס איז בלויז בעשטימט געווארען דער פלאץ פון דער „תערוכה" (אויסשטעלונג) און מען הויבט ערשט אן צו בויען די פערשידענע בנינים, האבען זיך שוין א סך אראבישע סוחרים זיך געווענדעט צו דער געזעלשאפט „מסחר ותעשיה" וועלכע ארדענט-איין די ארץ-ישראל אויסשטעלונגען, מען זאל זיי פערקויפען פלעצער אויסצושטעלען אייגענע פאווילאנען. און מען קאן האפען, אז די נאהענטסטע ארץ-ישראל-אויסשטעלונג, וועט שוין זיין אן אמת'ע ארץ-ישראל-אויסשטעלונג אין וועלכער עס וועלען זיך בעטייליגען אלע ארץ-ישראל'דיגע איינוואוינער.

דערפאר זענען מאסע די צוגרייטונגען צו דער אויסשטעלונג זעהר גרויס.

די וואך ווערט געלעגט דער גרונדשטיין פאר דעם אויסשטעלונגס-בנין. ביים אויפשטעלען די בנינים וועלען א פאר חדשים זיין בעשעפטיגט צוויי טויזענד ארבייטער. איבער 35 מלוכות האבען שוין אנגעקינדיגט אז זיי וועלען זיך בעטייליגען אין דער אויסשטעלונג.

די יודען אין דייטשלאנד איז נישט קיין אינערליך-דייטשע אנגעלעגענהייט

ערקלערט פרעזידענט מאסאריק אין אן אינטערוויאו מיט'ן גענעראל-דירעקטאר פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור

פראג, 25 (יט"א). דער פרעזידענט פון דער טשעכאסלאוואקישער רעפובליק פראפ. טאמאש מאסאריק האט אויפגענומען אויף אן אודיענץ דעם גענעראל-דירעקטאר פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור ה' יעקב לאנדוי. די אודיענץ, וועלכע האט געדויערט 40 מינוט, איז פארגעקומען אין פרעזידענט'ס זומער-רעזידענץ טאפאלטשאנקי.

פרעזידענט מאסאריק האט אין משך פון דער אודיענץ ערקלערט: מיט דעם גרעסטען אינטערעס פערפאלג איך די בעראטונגען פון ציוניסטישען קאנגרעס אין פראג. די בעמיהונגען צו שאפען א יודישע נאציאנאל-היים אין א"י האבען מיין פולע סימפאטיע.

אויף דער פראגע, צי דער פעלקער-בונד זאל אויפנעהמען די פראגע וועגען די ענטרעכטעטע דייטשע יודען, האט דער פרעזידענט ערקלערט:

איך נעהם אן, אז דער פעלקער-בונד וועט ווירקליך בעהאנדלען די האזיגע אנגעלעגענהייט. דאס יודישע פראבלעם אין דייטשלאנד קען נישט בעהאנדעלט ווערען אלס אינערליכע אנגעלעגענהייט. טויזענדער יודען, ביי וועלכע מען האט צוגענומען זייערע רעכט און ביי וועלכע מען האט צוגענומען די לעבענס-מעגליכקייטען, זענען אין א כסדר וואקסענדער צאהל געצוואונגען צו פערלאזען דייטשלאנד. גאנץ נאטירליך בילדען די האזיגע יודען א פראבלעם פאר אלע לענדער, וועלכע האבען זיי אנגענומען א מקום-מקלט. מען קען נישט ערווארטען, אז די האזיגע שטאטען זאלען אויף זיך נעהמען א לאסט, וועלכע איז געשאפען געווארען דורך דער פאליטיק פון אן איינצעלנעם שטאט, נישט קוקענדיג אויף אלעמען, גלויב איך אבער, אז די לאגע וועט זיך ווענדען צום בעסערען, דער אנטיסעמיטיזם איז נישט ניי.

אויף דער פראגע וועגען ווירטשאפטליכען קריזיס האט פרעזידענט מאסאריק ערקלערט פאלגענדעס:

פיל בעריכטען פון אונזערע פערטרעטער פיילען ווירקליך מיט וועגען א בעסערונג פון דער וועלט-לאגע. נאטירליך איז שווער צו זאגען, ווען דער קריזיס וועט זיך פולשטענדיג ענדיגען. די ווייטערע פערבעסערונג וועט געשעהען גאנץ לאנגזאם און שריט נאך שריט, עס וועלען זיין פארשריטען און צוריקשריטען. אבער ווען די גאנצע וועלט וועט טרייבען א שלום-פאליטיק און קאנסטרוקטיווע פאליטיק, וועלען מיר פון קריזיס ארויסגעהן ערפאלגרייך.

דינסט-מיידעל

(נייער שפאנענדער ראמאן פונ'ם יודישען לעבען אין פוילען)

פון א. לער

(פארטזעצונג 14).

ווען כ'בין ווידער אריינגעקומען צו לייבעלע'ן אין צימער, איז ער געזעסען ביי א ספר און זיך כמעט נישט אומגעקוקט אויף מיר.

בין איך געבליבען שטעהן מיט'ן קאמפרעס אין דער האנד און זעהענדיג, אז ער איז פערטיפט אין לערנען, האב איך מיט א ווייכער שטילקייט זיך אנגערופען:

— לייבעלע וועט אזוי גוט זיין זיך צולעגען דעם קאמפרעס.

איז ער אויפגעשפרונגען פון דער שטיהל און זיך דערנעהנטערט צו מיר. ווען איך האב איהם האט מיכל דערלאנגט, האב איך געפיהלט, ווי ער בעריהרט מיין האנד און בעמיהט זיך נאכאמאל זי צו בעריהרען.

די הענד האבען מיר געציטערט. דאס הארץ איז מיר שיער נישט ארויסגעשפאלען, וועט ער מיך משיעפען?

כ'בין געווען זיכער, אז יא. אבער ער האט מנצח געווען דעם יצר-הרע. פון זיינע אויגען האט ארויסגעשלאגען א ווילדער בעגעהר און זיינע קין-באקען האבען זיך געטרייסעלט.

בלויז עטליכע מאל האט ער כלומרשט צופעליג בעריהרט מיין האנד. מעהר גארנישט און איך האב פערלאזט דאס צימער.

האב איך פרייער אבגעאטעמט. הייסט עס, אז לייבעלע האט זיך דאך בעדענקט און וועט קיין דינסט-מיידעל נישט משיעפען.

דאמאלט איז ער שטארקער אויסגעוואקסען אין מיינע אויגען. ער איז פארט א רביש קינד, ער איז פארט אויסגעמאכט צו האבען די ווילדע בעגעהרען.

א גאנצען אווענד בין איך געווען רוהיג. אין הויף איז געווען שטיל, אין שטוב איז געווען לאנגווייליג, קיין סך ארבייט איז נישט געווען, בין איך פריהער געגאנגען שלאפען.

איך בין געלעגען אין בעט און געטראכט וועגען מיין גורל, וועגען מיין עלענד. כ'בין דאך שוין א דערוואקסען מיידעל צו וואס וועט זיין דער תכלית? אייביג וועל איך זיין א דינסט-מיידעל ביי יענעם? אוועקשווענקען מיינע בעסטע כוחות פאר גראשענס??

און דעמאלט איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק ר' ברוך לייזער. אפשר — האב איך געקלערט — איז ער מיר דאך א גוטער פריינד. אפשר וועט ער מיר דאך אנשלאגען א גוטען שידוך, אזוי ווי ער האט מיר צוגעזאגט? איי, וואלט דאס געווען א טייערע זאך, פטור וואלט איך געווארען פון פרעמדע קעסט און געווארען א בעל-הבית'שע פאר זיך.

און אזוי טראכטענדיג בין איך איינגעשלאפען.

כ'געדענק נישט ווי לאנג דאס שלאפען האט אזוי געדויערט, נאר ווען כ'האב זיך אויפגעכאפט האב איך געפיהלט ווי עמיצער ליגט נעבען מיר.

פון שרעק בין איך אזש אויפגעשפרונגען, אבער יענער האט מיר מיט איין האנד צוגעהאלטען דאס מויל און אין אויער אריין האט ער מיר אריינגעשושקעט:

— ביילע, שרעק זיך נישט.

— אבער ווער איז דאס? — האב איך שיער נישט ספאזמירט.

— ששאא, דאס בין איך.

דאמאלס האב איך איהם דערקענט. לייבעלע דעם רבי'נ'ס. ער איז געזעסען אויפ'ן בעט און קאנוואלסיוו זיך צו מיר געטוליעט און זיך געהייסען מיך צו ענטבלויזען.

כ'ווייס נישט וואס עס איז יענע מינוט מיט מיר געשעהען. עפעס האט זיך פון מיר אבגענומען די אמביציע פון א יונג מיידעל, עפעס האב איך פערלוירען די קראפט צו פערטיידיגען זיך און אלץ איז מיר געווארען גלייכגילטיג.

ס'קאן זיין, אז אין יענעם מאמענט האט מיר אימפאנירט וואס נעבען מיר געפינט זיך לייבעלע דעם רבי'נ'ס. ס'קען זיין, אז זיינע הייסע ליפען האבען מיך פערשיכורט — איך האב איהם נישט געשטערט. עפעס איז מיר געווען אזוי גוט, אזוי זיס, אז...

— — — — — —

קאפיטעל 6

דער הערבסט האט זיך אנגעהויבען אריינרייסען אין שטעטעל. די תבואה אויפ'ן פעלדער איז שוין לאנג געווען אבגעשניטען. טרויעריגע שאטענס האבען פערדעקט די פעריתומ'טע פעלדער. קאלטע ווינטען האבען געבלאזען און גע[illegible] פאלעכע טרויעריגע גרופען.

עס האט אנגעהויבען ווערען קיהל און אונהיימליך. די ווינטען האבען דערמאהנט, אז עס דערנעהנטערען זיך די ימים-נוראים, אז עס גרייט זיך אנצוקומען א לאנגער ווינטער מיט טרויעריגע נעכט און מיט פערשלאפענע טעג.

אויפ'ן הארצען איז מיר געווען פוסט, קאלט און אומעטיג. און ווען עס האט אראבגענידערט א קאלטע רעגענדיגע נאכט איז מיר בעפאלען א שטילער טרויער און א בענקשאפט. נאך עפעס אומבעשטימטען, נאך אזעלכעס וואס איז געווען און האט זיך שוין קיינמאל נישט אומקעהרען...

דאמאלס בין איך געלעגען אויף מיין געלעגער און געוויינט. געוויינט האב איך אזוי לאנג, ביז דאס גאנצע קוישען איז איינגעהילט געווארען אין א טיפען שלאף און לייבעלע איז אריינגעקומען.

ווען ער פלעגט אריינקומען האט ער מיך געמאכט פערגעסען אין די טרויעריגע שעה'ן פון מיין לעבען.

דאמאלס פלעגט ער זיך צו מיר טוליען און פאדערן ס'זיינינס...

און ווען ער פלעגט שטילען זיינע בעגעהרען, פלעגט ער פליען זאגען א שטילינקע „גוטע נאכט" און ארויס'גנב'ענען זיך פון קיך.

יעדע נאכט פלעגט זיך דאס זעלבע איבער'חזר'ן. נאכט נאך נאכט פלעגט דעם רבינ'ס זוהן צו מיר קומען, זיין מיין געליבטער און אוועקגעהן גאנץ שטיל.

שטורמישע נעכט פלעגען דאס זיין. און כאטש לאנג פלעגט ער ביי מיר נישט פערברענגען, פלעג איך דאך שוין אויסקוקען די מינוט, ווען אלע זאלען געהן שלאפען אז ער זאל אריינקומען אויף די פאר מינוט מיך איינקלאמערן אין זיינע ארעמס, בעקושען מיינע בריסטען און געניסען פון מיין יונגען גוף.

אזוי האט עס זיך געצויגען טעג מיט וואכען ביז....

נאר דא מוז איך אנהויבען גענויער דערצעהלען.

(פארטזעצונג קומט).

אויפ'ן 18=טן ציוניסטישען קאנגרעס אין פראג

איינדריקע, קוריאזע, נאטיצע און בעמערקונגען—„קאנגרעס=דייטש" און „קאנגרעס=העברעאיש"

די רעוויזיאניסטען האבען נישט קיין מזל. — פערשוואונדען געווארען א מזרחי'סט

(פון אונזער ספעציעלען שליח - יוסף קלארמאן)

הימעל און ערד און פרעזידיום

האב איך, הייסט עס, נישט קיין טענות געהאט. ס'האט מעכב הקריאה געווען, נישט העהלאזיג, אז דער קאנגרעס זאל ארבייטען צוליב דעם פרעזידיום. וואו איך געה און וואו איהר שטעהט הערט איהר דעבאטירען וועגען פרעזידיום, וואס מיר די לאגע פון דייטשען יהדות? וועמען אינטערעסירט איצט צו געפינען א מעגליכקייט פאר א גרעסערער עליה? „אפילו" די פראגע ווייצמאן איז אינגאנצען פערגעסען געווארען. א קליינינקייט עפעס! איך פרעג מיינעם א בעקאנטען, וואס שטעהט נאהענט צו דעם לינקען לאגער:

— אדרבא, זאגט מיר, וואס וועט דאס שאדען די לינקע, אז די רעוויזיאניסטען וועלען יא זיצען אין פרעזידיום? סיי־ווי־סיי האבען זיי דאך מיט גרינבוימ'ס „אלגעמיינע" ציוניסטען א מעהרהייט; זיי קענען זיך דאך דורכזעהען זייערע בעשלוסען, אז קיין האהן זאל נאך זיי נישט קרייהען?!

מיין פריינד האט מיר נישט געענטפערט. ווארט־צו — האט ער מיר געזאגט — ביז צו דער פלענום זיצונג פונ'ם קאנגרעס וועט איהר אלץ געוואויר ווערען. האב איך אזוי געטהון.

געפלאצט די באמבע...

נאט זיי דאנק, וואס די פראגע געפינט זיך פאר'ן פלענום פון קאנגרעס, ה' אב. גאלדבערג האט ערקלערט, אז ער איז מסכים, אז אין פרעזידיום זאלען זיין פערטרעטען אלע גרופירונגען. אלא־וואס דען? מ'זאל מאכען איבערוועלע וואהלען. זאגט ה' רמז, דער פארשטעהער פון דער ארבייטער־פארטיי: אדרבא ואדרבא! מיר זענען דערצו מסכים.

זענען דאך אבער די איבעריגע גרופירונגען אויך נישט קיין טפשים און האבען זיך תיכף געכאפט וועגען וואס עס האנדעלט זיך: מ'וועט מאכען אבשטימען כסדר. און, אז ס'וועט קומען צו דער דעלעגאט פון די רעוויזיאניסטען, וועלען די לינקע זאגען: לא, מיר שטימען געגען. מיט זיי ווילען אויך שטימען גרינבוימ'ס אלגעמיינע ציוניסטען, אזוי ארום וועט מען עלימינירען די רעוויזיאניסטען.

און, אז הרב בראדע האט געפאדערט, אז דער קאנגרעס זאל אין פרינציפ אנערקענען, אז אלע גרופירונגען מוזען זיין פערטרעטען, איז אויפגעשפרונגען ה' רמז און שוין נאך נישט גערעדט מיט קיין רמז:

— מיר ווילען בשום אופן נישט זיצען מיט די רעוויזיאניסטען, חייל זייערע ארץ־ישראל'דיגע חברים זענען בעשולדיגט אין ארגאניזירען דעם מארד אויף ארלאזאראוו'ן. און ווי קענען עבער די מזרחיסטען, וועלכע קלאפען זיך אין דער תורה, פערטיידיגען מערדער?..

איז אויפגעשפרונגען דער הרב בערלין און געזאגט:

— ערשטענס, לאזט געהן די תורה. נישט איהר זענט בערופען אונז צו לערנען! אבער וויבאלד מען שטיצט זיך אויף דער תורה, טא פארוואס האט איהר פערגעסען, אז ביי אונז איז געשריבען, אז מ'טאר נישט קיינעם חושד זיין כל־זמן די שולד איז נישט בעוויזען. אונזערע סנהדרין האבען אונז אנדערש געלערנט: ווען אפילו מ'טרעפט א טויטען און מ'זעהט, אז פון איהם געהען אוועק 2 מענשען מיט די שווערדען, פון וועלכע ס'טריפט בלוט, טאר מען זיי נישט חושד זיין, כל־זמן זייער שולד איז נישט דערוויזען געווארען. מיט וואס פאר א רעכט — שרייט אויס הרב בערלין — בעשולדיגט איהר די רעוויזיאניסטען? איהר זאגט, אז איהר זענט זיכער אין זייער שולד, אנדערע זענען אבער זיכער אין זייער אומשולד. מיר וועלען נישט דערלאזען, אז דער קאנגרעס זאל ארבייטען אונטער אייער חרם!

געוואָרפען די באמבע, איין פראגע געגען דעם צווייטען.

אין מזל לרעוויזיאניסטען...

אז די אלגעמיינע זענען צוריקגעקומען אין זאל, האט ה' אב. גאלדבערג (אמעריקא) ארויסגעטראגען דעם זעלבען פארשלאג פון הרב בראדע. מה מען דאך שטימען, געהט אוועק א רעפאמע: א נאמענטליכע אבשטימונג, אדער א געוועהנליכע. לסוף איז סאקאלאוו מסכים אויפ'ן פארשלאג פון ד"ר שעכטמאן — א נאמענטליכע אבשטימונג.

אבער, רבותי איילט זיך נישט! וואס איז? רמז שלאגט פאר אראפצונעהמען פון סדר־היום דעם פארשלאג פון די אלגעמיינע ציוניסטען. אין דער האזיגער פארשלאג געווען פעראורטיילט אויף א דורכפאל, מחמת געגען איהם וואלטען דאך אלע געשטימט א חוץ די לינקע, (פארדאן! כ'האב פערגעסען אין דעם לינקען אלגעמיינעם ציוניסט גרינבוים) זענען מעשה שטן, עטליכע אלגעמיינע ציוניסטען, מזרחיסטען און 2 רעוויזיאניסטען ביי דער אבשטימונג נישט געווען אין זאל און דער פארשלאג איז מיט 151 שטימען געגען 148 דורכגעפאלען.

דער „מזרחי" האט דאן ערקלערט, אז ער וועט אין אזא פרעזידיום נישט אנטייל נעהמען און די מזרחי־דעלעגאטען בעציהען זיך צו איהם מיט אונצופריי.. דאס זעלבע האבען ערקלערט ד"ר שעכטמאן און גראסמאן.

ווען איך שרייב די שורות (מיטוואך נ"מ) האבען די רעוויזיאניסטען „מזרחי" און א גרויס

מייל אלגעמיינע ציוניסטען פערלאזען דעם קאנגרעס, כדי צו נעהמען שטעלונג צו דער געשאפענער לאגע.

צי וועלען די רעוויזיאניסטען פערלאזען דעם קאנגרעס? כ'גלויב, אז ניין. שליסליך איז דאך די אבשטימונג געווען א צופאל. שולדיג זענען זיי דאך אליין, והשנית: איז דען דאס פאר זיי אזא וויכטיגע פראגע? זיי האבען דאך איצט עפעס צו זאגען דעם קאנגרעס. וועגען די לאגע פון די יודען אין דייטשלאנד איבער וועלכע דעם קאנגרעס וויל אדורכגעהן שטילשווייגענד, אדער אין בעסטען פאל — פערמישען דעם גאנצען ענין. אזוי האט דאך מאקע דער אקציאנס־קאמיטעט בעשלאסען געגען דעם פארשלאג פון די רעוויזיאניסטען. למען השם: נישט אויפרייצען.

כ'גלויב נישט, אז זשאבאטינסקי, וועלכער האט מיט עטליכע טעג צוריק מיר ערקלערט, אז די פראגע פון דייטשלאנד וועט ער שטעלען אין איהר גאנצער ברייט — וועט צוליב א פרעזידיום־פראגע מוותר זיין אויף די בלוטיגסטע אינטערעסען פון יודישען פאלק.

לאמיר בכן אבווארטען.

„קאנגרעס דייטש" און „קאנגרעס העברעאיש"

צוליב די היטלער־רדיפות אויף די יודען אין דייטשלאנד האט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע בעשלאסען אלס פראטעסט זיך מעהר נישט צו בענוצען מיט דער דייטשער שפראך. זאל מען זיך מאכען שוין דורכרעדען וועגען די קאנגרעס־טראדיציע: איך האב בייגעוואוינט עטליכע קאנגרעסען און איך האב בעמערקט, אז ביי־לילה איז יעדער געווארען א „גאנצער דייטש". מען האט „פערגעסען" אין דער יודישער שפראך און מען האט אנגעהויבען „שפרעכען" דויטש. ס'איז ממש געשאפען געווארען א לאגע, אז מען האט זיך אנגעהויבען „שעמען" מיט יודיש. און ס'איז ממש געווען א רחמנות אויף „דייטשען" פון די דעלעגאטען בעת זיי האבען זיך געמאטערט מיט דער אשכנז.

היינט נאט־צו־דאנק איז שוין די שפראכען־פראגע „געלעזט". העברעאיש און — קאנגרעס אבער מיט בעשלוסען, קען מען נאך נישט קיין העברעאיש איז מאקע ווידער א רחמנות אויף אונזערע ציוניסטישע גדולים.... דאס פנים ווערט מאקע רויט פאר בושה ווען מ'זעהט, אז העברעאיש איז נישט מעהר געווען ווי א פראגע. כ'מיין מאקע: פארוואס זאל דער קאנגרעס־פרעזידענט ה' לעאו מאצקין נישט קענען אונטערשיידען בין זכר לנקבה? (כ'מיין אין גראמאטיקאלישען זין). און פארוואס זאל ה' יצחק גרינבוים נישט וויסען, א העברעאישער דיאלעקט איז נישט קיין הספרדי'אך ווי א סיים־מאנדאט, להבדיל?!

כ'לעבען, פריינד יוסף העפטמאן איז גערעכט:

אמאל האבען מיר געהאט א „קאנגרעס־דייטש", היינט — א „קאנגרעס־העברעאיש". די העברעאישע שפראך איז א גאנץ שיינע, איז זי אבער אריינגעפאלען אין יודישע מיילער...

א ביסעל מעהר ווי דעמאגאגיע...

מ'מוז מודה זיין, ווען מ'איז אפילו א געגנער פון די לינקע, אז ביי זיי זענען פאראן איבערגעגעבענע עהרליכע פיהרער ווי למשל: יצחק בן־צבי, אליעזר שוחט. אבער גראד זיי ווערען אבגערוקט אין א זייט. מ'דארף דאך נישט לייקענען, אז ה' בן־גוריון האט גרויסע פערדינסטען פאר'ן ארץ־ישראל־אויפבוי. מסתמא איז איבערגעגעבען געווארען אין דער פרעסע זיינע עפיטעטען וועגען „ברית־החייל". אודאי געפינט זיך אין יענער ארגאניזאציע א פערשידענארטיגער עלעמענט, אבער גלאט אזוי סטעמפלען, יעדען איינעם פאר א גנב, גזלן און סתם מעסער־שטעכער — א, דאס איז שוין א ביסעל צו שטארק.

ווי שטעהט עס דארטען: משבא לכלל כעס — בא לכלל טעות. אדרבא, הערט: „די רעוויזיאניסטען האבען אין פוילען געהאט א זיג, בעקומענדיג קרוב 50 טויזענד שטימען, מחמת העם, וואס זיי האבען אויסגענוצט דעם ארלאזאראוו מארד".

דאס איז שוין עפעס מעהר ווי דעמאגאגיע...

א דרייפאכער גלות...

ווי תמיד, האט מען אויך דאס מאל אויפ'ן סדר־היום פון קאנגרעס אוועקגעשטעלט א רעפעראט וועגען דער לאגע פון די יודען אויף דער גאנצער וועלט. די האזיגע רעדע האט דאס מאל א בעזונדערען חשיבות צוליב די לעצטע געשעהענישען אין דייטשלאנד. שוין א וואך צייט ווי מ'צאמפערט זיך אין אקציאנס־קאמיטעט און וואס פאר א פארים צו ברענגען צום אויסדרוק פון דער קאנגרעס־טריבונע — דעם וועה־געשריי פון אונזערע דייטשע ברידער. עס הערשט א מיינונג, אז מ'זאל רעדען אין א רמז'דיגער שפראך, דער ציוניסטישער קאנגרעס וויל נישט „איינדרייען", זאל דאס בעסער מאכען דער אלגעמיין יודישער קאנגרעס. צי דאס איז א ריכטיגער שטאנדפונקט, אדער ניין — צו דעם וועל איך זיך נאך אומקעהרען. אבער דערווייל האט סאקאלאוו שוין געהאלטען זיין רעדע (וועלען איהר — א צווייט מאל). ער האט גערעדט יודיש. די רעדע האט געדויערט זעהר לאנג און סאקאלאוו האט מאקע בעמערקט:

— אי וועל רעדען וועגען גלות, אין דער גלות־שפראך און אזוי לאנג ווי דער יודישער גלות...

א דרייפאכער גלות...

פראנט געגען פראנט

די רעוויזיאניסטען זענען געקומען צו דעם האזיגען קאנגרעס — ווי זשאבאטינסקי האט זיך אויסגעדריקט — מיט האפנונגסלאזע אויסזיכטען. זיי האבען געגען זיך א פערביסענעם שונא, וואס האט 40 פראצענט פון אלע מאנדאטען צום קאנגרעס. היינט וואו זענען גרינבוים'ס אלגעמיינע ציוניסטען. ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז די „איבערגעלאפענע" עת־לבנות־ליים, וועלכע האבען קאנדידירט אויף גרינבוים'ס ליסטע און ערקלערט, אז אויפ'ן קאנגרעס וועלען זיי זיך אנשליסען אין דער פראקציע פון די אלגעמיינע ציוניסטען — האבען נישט געהאלטען קיין ווארט. מיט'ן אויסנאהם פון ה' דאן פראמבערגער זענען אלע צוגעשטאנען צו די „לינקע". בלייבען אלזא: אלגעמיינע ציוניסטען, „מזרחי" און רעוויזיאניסטען, וועלכע געהען צוזאמען אין פיל פראגען. די לעצטע וואלטען געהאט א מעהרהייט, איז אבער די „צרה", וואס ביי די ערשטע צוויי ווייסט מען נישט וואס איז דער טייטש „דיסציפלין", די פראקציעס פאסען די בעשלוסען, אבער די דעלעגאטען ווארפען זיך נישט אונטער.

אזוי איז, למשל, ביי דעם ערשטען כח־פרוב, ביי דער אבשטימונג וועגען פרעזידיום, פליצים נעלם געווארען דער „לינקער" רב פון דער „מזרחי"־פראקציע הרב אסטראווסקי און ה' מאריס מייער, דער אלגעמיינער ציוניסט האט ביי זיך נישט געקענט פועל'ן זאגען יא, אדער ניין. ער האט זיך אבגעהאלטען.

איהר פערשטעהט: פון איין זייט א שטארקע דיסציפלינירטע פראקציע און פון דער צווייטער זייט: „אבגעהאלטענע" און נעלם געווארענע — היינט, געה מיט זיי אין א מלחמה אריין..

די „אונטערזוכונגס־קאמיסיע" צוליב דער מזרחי

האט מען, הייסט עס, געשאפען אן „אונטערזוכונגס־קאמיסיע" אויסצופארשען די טעראריסטישע אקטען פון ארץ־ישראל'דיגען „ברית הבריונים". העלפט אבער גאט, און אין א שיינעם העלען טאג בעפרייט מען זיי, טא וואס זאל טהון די אונטערזוכונגס־קאמיסיע?

האבען מיר אבער א גרויסען גאט, האט ער געשיקט די רפואה פאר דער מכה: בעת דער פייערליכער קאנגרעס־ערעפענונג זענען כנהוג פארגעקומען בעגריסונגען. אזא בעגריסונג איז אויך בעשטימט געווארען פאר דעם „מזרחי"־פארשטעהער. ווען סאקאלאוו האט אנגעהויבען זיי זאגען, איז ער נעלם געווארען. נישטא קיין בעגריסער, וואס איז? מ'זאגט, אז ער האט זיך בעליידיגט, וואס מ'האט איהם געגעבען „אחרון". דערווייל קומט יענער בעגריסער אפילו נישט צו די קאנגרעס־זיצונגען.

קלויבען זיך מאקע די רעוויזיאניסטען מיט א פארשלאג: היות די „אונטערזוכונגס - קאמיסיע" וואס איז געגען זיי געשאפען געווארען האט נישט קיין „שטאף־ארבייט" זאל זי אונטערזוכען די סיבות פון יענעם אינצידענט און סתם אויסזוכען דעם פערשוואונדענעם מזרחיסט....

פראג, 24־טער אויגוסט.

בעראטונג פון פוילישע מיטגלידער פון ראט פון דער יודישער אגענץ

אונטער'ן פארזיץ פון האטמאן מ. הינדעס איז פארגעקומען א זיצונג פון די מיטגלידער פון ראט פון דער יודישער אגענץ און זייערע פערטרעטער אין קאנגרעס־פוילען. נאך א דיסקוסיע, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט, חוץ דעם פארזיצענדען, די ה"ה פראפ. מ. מייזעל, פראפ. ל. לעווימע, פראפ. א. געפנער, רד. י. קארמשאק, ל. לעווין־עפשטיין און אנדערע, איז בעשלאסען געווארען אנערקענען, אז קאנגרעס־פוילען דארף זיין רעפרעזענטירט אויף דער פערשטעהענדער סעסיע פון אגענץ־ראט דורך די דעלעגאטען וואס זענען געוועהלט געווארען אין י. 1931, נעהמענדיג אין אכט, אז היי־יאהר זענען צוליב לאקאלע סיבות קיין וואהלען נישט פארגעקומען. עס איז אויך בעשלאסען געווארען, אז אין דער צוקונפט דארף די יודישע אגענץ זיך שטיצען אויף א ברייטערען געזעלשאפטליכען יסוד.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט אין דער ראט־סעסיע פון דער יודישער אגענץ אין פראג זיך בעטייליגען פראפ. מ. מייזעל. חוץ דעם זאל אלס דעלעגאט פון פוילען זיך אויך בעטייליגען שלום אש.

די אמעריקאנער דעלעגאציע אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס

פראג, (יט"א). דער קאנגרעס־געריכט האט אנערקענט דעם פראטעסט פון „הדסה" געגען די קאנגרעס־וואהלען אין אמעריקא אלס בעגרינדעט און האט ערטיילט דער „הדסה" נאך איין מאנדאט.

די אמעריקאנער דעלעגאציע אויף דעם 18־טען ציוניסטישען קאנגרעס צעהלט 30 דעלעגאטען, דערונטער 10 אלגעמיינע ציוניסטען.

די 10 אלגעמיינע ציוניסטען בעשטעהען פון 5 אנהענגער פון לואי ליפסקי און 5 בראנדייסיסטען. אלס פראקציע־פארזיצער פון די אמעריקאנער אלגעמיינע ציוניסטען איז געוועהלט געווארען מאריס ראטענבערג.

סענסאציאנעלע מאמענטען אין פערהער פון אחי=מאיר, סטאווסקי און ראזענבלאט

(ענדע פון זייט 3)

צוועק צו פערשפרייטען איגרות און אומצופרידענהייט צווישען די איינוואוינער און שטויסען צו טומל און טעראראקטען געגען דער א"י־רעגירונג: די אגיטאציע אין דעם גייסט איז געפיהרט געווארען שריפטליך און מינדליך. אין דעם גייסט זענען אויך געשריבען געווארען די ארטיקלען אין דער אונלעגאלער אויסגאבע א. נ. „הבריונים".

איינער פון די אנגעקלאגטע ברוך מילאווסקי איז בעפרייט געווארען פון דער בעשולדיגונג, דאגעגען איז צוגעצויגען געווארען א נייער אנגעקלאגטער — יוסף קאצענעלסאן פון ירושלים.

אינספעקטאר טעגענבוים פון קרימינאל־פארשונגס־דעפארטאמענט האט בעת'ן פערהער ערקלערט, אז בעת דער רעוויזיע אין דער וואוינונג פון אחי־מאיר האט מען אין זיין שופלאד געפונען 16 בריף און איבערופען, וועלכע בעשטעטיגען די עקזיסטענץ פון אן אונלעגאלער ארגאניזאציע „ציונים מהפכנים" אדער „ברית הבריונים". אין די געפונענע איבערופען ווערט פראקלאמירט געגען דעם פרעמד־געריכט, געגען דער פערקלענערונג פון דער עליה און די יודישע יוגענט ווערט אויפגעפאדערט צו קעמפען פאר ציון'ס פרייהייט. ווייטער ווערען אנגעגריפען די פארשלאגען, וועלכע זענען געמאכט געווארען אויף דער „ראונד־טייבל"־קאנפערענץ מיט די אראבער און עס ווערט געשריבען וועגען אן ארץ־ישראל־פארלאמענט מיט אראבער, וועגען יודישע פרעזידענט און וועגען דער א"י־רעגירונג.

אינספעקטאר טעגענבוים טיילט אויך מיט, אז די פאליציי האט געפונען א שיפר ווי אויך פיל בריף געשריבען לויט דעם שיפר, אין וועלכע עס ווערט בעטאנט, אז דער „ברית־הבריונים" מוז זיין א געהיימע בעוועגונג און אלס מיטגלידער קענען אנגענומען ווערן בלויז מענשען מיט א פעסטען כאראקטער.

דער פאליציי־אינספעקטאר קאפער טיילט מיט, דאס אין אחי־מאיר'ס צימער האט ער געפונען זיין טאג־בוך און אנדערע דאקומענטען, וועלכע בעווייזען, דאס די „בריונים" האבען ארגאניזירט די אקציע געגען דער פאלקסצעהלונג אין יאהר 1931 און געגען נארמאן בענטוויטש'ס עפענונגס־לעקציע.

דער פראקוראר האט נישט אפאנירט געגען דעם פארשלאג פון אדוו. דר. קאהען צו בעפרייען די איבעריגע 5 ארעסטירטע רעוויזיאניסטען, וועלכע האבען זיך נאך געפונען אין ארעסט. בלויז אחי־מאיר איז געבליבען אין תפיסה.

דער ווייטערדיגער פערהער איז, ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, אבגעלייגט געווארען ביז'ן 15־טען סעפטעמבער ה. י.

רעזאָלוציע פון ציוניסטישען קאָנגרעס

וועגען דער לאַגע פון די דייטשע יודען

פּראַג, 24 (יט"א). די קאָמיסיע פאַר דעם דייטש-יודישען פּראָבלעם ביים ציוניסטישען קאָנגרעס האָט אויף איהר היינטיגער זיצונג מיט א מעהרהייט שטימען אויסגעאַרבייט א רעזאָלוציע וועגען דער לאַגע פון די יודען אין דייטשלאַנד. די רעזאָלוציע, וועלכע וועט פאָרגעלייגט ווערען אויף דער היינטיגער אָווענד-זיצונג פון קאָנגרעס, לויטעט:

1) דער 18-טער ציוניסטישער קאָנגרעס האַלט פאַר זיין פליכט אין זיין ערשטער ווילענס-דערקלערונג צו דערהויבען זיין שטים אויסצודריקען זיין ערשיטערונג איבער'ן טראַגישען גורל פון די דייטשע יודען און אויסדריקען זיין אויפרעגונג געגען זייער [illegible] און ענטעהרונג.

נאָך א יאָהרהונדערט פון עמאַנציפּאַציע פון די יודען און אָנערקענונג פון דער גלייכבערעכטיגונג פון יעדען פאָלק און אינדיווידואום אין די ראַהמען פון דער מלוכה, האָט דאָס איצטיגע דייטשלאַנד בערויבט א האַלבען מיליאָן יודען פון די עלעמענטאַרסטע רעכט. עס איז סאַנקציאָנירט געוואָרען דאָס סיסטעם פון ראַסען-פאָראורטיילען, וועלכעס בעליידיגט די ווירדע און עהרע פון יודישען פאָלק און איז עלול צו פערניכטען זיינע עקזיסטענץ-יסודות.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס — געדענקענדיג אין די פּרינציפּען פון פרייהייט און גלייכהייט פון אַלע פעלקער, ראַסען, רעליגיעס און וועלט-אַנשויאונגען און פּראָטעסטירענדיג, אַז די פּאָסטולאַטען פון מענשליכער גערעכטיגקייט בילדען דעם יסוד פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, בעהויפּטעט פון א שטאַנדפּונקט - גוף-והל אַלס נאַציאָנאַלע רענעסאַנס - בעוועגונג, פריי פון יעדען פיינדשאַפט - געפיהל לגבי דעם דייטשען פאָלק, אָבער גלייכצייטיג דורכגעדרונגען פון דער פערפליכטונג אויפצוהאַלטען די רעכט פון יודישען פאָלק אויף דער וועלט, — הויבט אויף דער ציוניסטישער קאָנגרעס זיין פייערליכען פּראָטעסט געגען דעם אומגעהויערען אומרעכט, וואָס ווערט בעגאַנגען לגבי דייטשע יודען, געגען דעם סיסטעם פון פּאָליטישער, מלוכה - רעכטליכער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער ענטרעכטונג און געגען דער געזעלשאַפטליכער און מענשליכער ערנידריגונג, ווי אויך געגען דער שטערונג פון רעליגיעזע לעבענס - באַדערפענישן ווי למשל דער פערבאָט פון שחיטה.

די דורכגעפיהרטע ענטרעכטונג פון די יודען — א נישט - פאַרשטעלבאַרע אין 20-טען יאָהרהונדערט — שטעלט מיט זיך פאָר א מוראדיגע ערשיינונגס - פאָרם אין דער פילהונדערט - יעהריגער געשיכטע פון דער יודען - פּלאָגע, ווי זי איז געוואָרען פאָראויסגעזעהען דורך דעם גרויסען שעפער פון ציוניזם, דר. טעאָדאָר הערצל, וועלכער האָט אָנגעצייכענט אַלס ציעל און לעזונג די ציוניסטישע בעוועגונג.

אין דער איבערצייגונג, אַז די ציוניסטישע לעזונג פון דער יודען - פּראַגע איז די איינציגע ריכטיגע און לאָזט זיך נישט פערשטערען מיט דער גלייכהייט פון די לעבענס - רעכט אין די בעזונדערע לענדער, — האַלט דער ציוניסטישער קאָנגרעס פאַר זיין פליכט צו ערקלערען פייערליך פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די יודען וועלען נישט רוהען ביז עס וועט נישט קומען קיין סוף צו דער ענטרעכטונג און ענטווירדיגונג פון די יודען אין דייטשלאַנד.

אָבגעזעהן דערפון, אַז דעם דייטשען יודענטום, וועלכעס שטעלט מיט זיך פאָר איינס פון די וועלטפּאָליטישע בעשטאַנד - טיילען פון יודענטום, דראָהט פערניכטונג, האַלט דער ציוניסטישער קאָנגרעס דאָס דאָזיגע סיסטעם פאַר א סכנה פאַר אַלע אַנדערע יודישע געמיינשאַפטען און בעטראַכט אַלס זעלבסטפערשטענדליכע פליכט פון זעלבסט - ערהאַלטונג צו פיהרען דעם קאַמף געגען דער ענטרעכטונג און דער איבערצייגונג, אַז דער דאָזיגער קאַמף מוז זיין א בשותפות'דיגער פון גאַנצען פאָלק.

נעבען דעם פייערליכען פּראָטעסט האַלט דער קאָנגרעס פאַר נויטיג אַרויסצורוקען פאָלגענדע פאָדערונגען:

א) דער קאָנגרעס האַלט אַלס די פליכט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענשהייט, בעזונדערס פון פעלקער - בונד, צו העלפען די יודען אין זייער קאַמף פאַר'ן צוריקשטעלען די דייטשע יודען אין זייערע רעכט.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס ערוואַרט פון די רעגירונגען, אַז זיי וועלען אָננעהמען אַלע מאָסנאַהמען, וואָס וועלען פערלייכטערן דעם גורל פון די דייטשע יודען און ערמעגליכען זייער איינוואַנדערונג און עקזיסטענץ - מעגליכקייטען אין אַנדערע לענדער.

ב) עס איז די פליכט פון דער מאַנדאַטאַר - מאַכט צו עפענען די טויערען פון א"י און געבען די מעגליכקייט צו פערלייכטערן די זידלונג פון דייטשע יודען אין דער יודישער נאַציאָנאַלער היים, וועלכע איז דער הויפּט - אינהאַלט פון א"י מאַנדאַט, כדי עס זאָל אין שנעלסטען טעמפּא אויסגעבויט ווערען אַן אומערשיטערליכע היים פאַר דעם יודישען פאָלק.

ג) דער ציוניסטישער קאָנגרעס אַפּעלירט צו דער וועלט און אַלע שטאַטען, וואָס האָבען אויסגעדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט דעם א"י - מאַנדאַט, און איבערהויפּט צום פעלקער - בונד, וועלכער האָט די פליכט דעם מאַנדאַט צו איבערוואַכען, זיי זאָלען געבען זייער אַקטיווע מיטהילף און קודם - כל פינאַנציעל צוזאַמענאַרבייטען און מיטהעלפען אין די בעמיהונגען ביים איבערזידלען די דייטשע יודען אין א"י.

2) לגבי דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפען די יודען אין דייטשלאַנד, האַלט דער 18-טער ציוניסטישער קאָנגרעס אַלס זיין פליכט צו שיקען א רוף און א דערמאַנונג צום גאַנצען יודישען כלל.

נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע פון ציוניזם האָט זיך נישט אַזוי בולט אַרויסגעוויזען די בערעכטיגונג פון ציוניזם און עס האָט זיך נאָך קייןמאָל מיט אַזאַ טראַגישער קלאָרקייט נישט מאַניפעסטירט די ריכטיגקייט פון ציוניסטישען אַנאַליז פון דער גאַנצער יודישער לאַגע.

די געשעהענישען אין דייטשלאַנד האָבען בעוויזען דעם צוזאַמענבראָך פון די אילוזיעס, וועלכע האָבען בלויז אין דער ביהנגעליבער עמאַנציפּאַציע און אין דער בעשטעהענדער אַסימילאַציע געגלויבט צו זעהען די לעזונג פון דער יודען - פּראַגע.

די דאָזיגע פּרובען האָבען זיך צוזאַמענגעבראָכען און בעוויזען דעם פּרינציפּ פון בשותפותדיגען גורל פון יודישען פאָלק און אַלע זיינע טיילען.

די קאַטאַסטראָפע פון דייטשען יודענטום האָט בעוויזען, אַז דער ציוניזם איז די איינציגע לעזונג פון דער יודען - פּראַגע. דער ציוניסטישער אידעאַל איז די איינציגע אינערליכע קראַפט אויף שטעלען א ווידערשטאַנד די אַנגריפען אויף'ן יודישען פאָלק און בערויבונג פון זיין עקזיסטענץ.

קיין שום אַנדער לאַנד אין דער וועלט, חוץ ארץ - ישראל, קאָן אַפילו אין דער קלענסטער מאָס נישט זיין קיין מקום - מקלט און זיכערען די עקזיסטענץ - מעגליכקייטען פאַר די צעהנדליגער טויזענדער דייטשע יודען.

אין דער טראַגעדיע פון די דייטשע יודען איז דאָ בלויז איין ליכטיגער פּונקט און דאָס איז ארץ - ישראל. דער ציוניסטישער קאָנגרעס פאָדערט דעריבער אויף דאָס יודישע פאָלק איבער אַלע פּאַרטייען און פּאַרטיי - אונטערשיידען און אין בעוואוסטזיין פון געמיינזאַמען יודישען גורל, צו שטעלען אין דיענסט פון דער פערווירקליכונג פון ציוניסטישען אידעאַל אַלע מיטלען, ענערגיע, קרעפטען און פעהיגקייטען. דער שנעלסטער אויפבוי פון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים איז די קאָנסטרוירענדע אויפגאַבע פון אונזער דור.

צוזאַמען מיט'ן פּראָטעסט געגען דעם אונאויסדריקבאַרען אומרעכט געגען די דייטשע יודען, גיט אָב דער ציוניסטישער קאָנגרעס א פייערליכע שבועה נישט צו רוהען ביז די עוולה וועט נישט צורעכט געמאַכט ווערען און אין זיין ענטשלאָסענהייט און ווילען צו בויען די יודישע נאַציאָנאַלע היים געפינען דעם שטאַרקסטען בעווייז פאַר דער סאָלידאַריטעט מיט די יודען אין דייטשלאַנד.

אָנגענומען דעם אַנטי-דייטשע רעזאָלוציע מיט 265 שטימען

פּראַג, 24 (יט"א). אויף דער היינטיגער נאַכט-זיצונג פון ציוניסטישען קאָנגרעס איז פאָרגעקומען די אָבשטימונג איבער דעם פאָרשלאָג פון די רעוויזיאָניסטען וועגען שיקען א דעלעגאַטיע איבער דער לאַגע פון די יודען אין דייטשלאַנד. מיט א מעהרהייט פון 73 שטימען געגען 42 איז דער פאָרשלאָג אָבגעוואָרפען געוואָרען. געגען דעם פאָרשלאָג האָבען געשטימט א טייל לינקע און אַלגעמיינע ציוניסטען. פאַר'ן פאָרשלאָג די רעוויזיאָניסטען (הר. טאָפּליב האָט געשטימט פאַר'ן פאָרשלאָג), מזרחי און א טייל לינקע האָבען זיך אָבגעהאַלטען.

דער קאָנגרעס איז דאַן צוזאַמענגעטרעטען אָבצושטימען די רעזאָלוציע, וואָס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען דורך דער מעהרהייט. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען מיט 265 שטימען. די רעוויזיאָניסטען האָבען זיך אָבגעהאַלטען פון שטימען.

נאָך דער אָבשטימונג האָט מ. מ. אוסישקין געהאַלטען א רעפעראַט וועגען דער טעטיגקייט פון קרן-קימת.

פּראַג, 24 (יט"א). די מינדערהייטס-רעזאָלוציע פון די רעוויזיאָניסטען וועגען דער דייטשער פראַגע, וועלכע איז נישט געשטעלט געוואָרען צו אָבשטימונג, האָט צוו. אנד. ענטהאַלטען א ווענדונג צום וועלט-יודענטום צו פיהרען מיט אַלע מיטלען דעם פערטיידיגונגס-קאַמף. דער קאָנגרעס בעגריסט דעם באָיקאָט פון היינטיגען דייטשלאַנד אַלס דעם ווירקזאַמסטען מיטעל דורכצוזעצען די פולע גלייכבערעכטיגונג פון די דייטשע יודען. דער קאָנגרעס — איז געווען געזאָגט אין דער רעזאָלוציע — קען זיך נישט רעכענען בלויז מיט די פאָלגען פון באָיקאָט-קאַמף פאַר די דייטשע יודען און מוז אין זינען האָבען דעם גורל פון גאַנצען פאָלק. אין דעם צווייטען טייל פון דער רעזאָלוציע זענען אַרויסגערוקט געוואָרען די בעקאַנטע רעוויזיאָניסטישע טענות אין ציוניזם.

א בעזונדערע רעזאָלוציע, וועלכע איז אויך נישט געשטעלט געוואָרען צו אָבשטימונג האָט אַריינגעטראָגען אויך די גראָסמאַן-גרופּע.

אינצידענט מיט וול. זשאַבאָטינסקי

פּראַג, 24 (יט"א). אין האָל פאַר'ן קאָנגרעס-זאַל האָבען היינט אָווענד אומבעקאַנטע פּערזאָנען א שטורעם געמאַכט וול. זשאַבאָטינסקי'ן, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי. עס איז ענטשטאַנען א מהומה, וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א געשלעג. א גרופּע ביתרים האָט אַרומגערינגעלט זשאַבאָטינסקי'ן און איהם אַרויסגעפיהרט דורך א זייטיגער טהיר. אין האָל זענען אַריין שטאַרקע צעהנדליגע פּאָליציאַנטען, וועלכע האָבען געשלאָסען די אַריינגאַנג און קיינעם נישט אַריין און נישט אַרויסגעלאָזט. דער אינצידענט איז באַלד ליקווידירט געוואָרען. אין זיצונגס-זאַל איז די רוה נישט געשטערט געוואָרען.

ביי מענשען, וועלכע ליידען נידערגעשלאָגענקייט, מעלאַנכאָליע, אומפעהיג צו אַרבייטען, ווירקט אויף א שרייער בלוט-צירקולאַציע און עס הויבט די דענק און אַרבייטס-קראַפט דאָס נאַטירליכע ביטער-וואַסער

Franciszka Józefa

עמפּפעהלען דורך דאָקטוירים.

ציוניסטישער קאָנגרעס בעשליסט גרינדען אַכפּר אוסישקין

פּראַג, 23 (יט"א). אויף דער פייערליכער קאָנגרעס-זיצונג לכבוד דעם 70-יעהריגען געבורטסטאָג פון מ. מ. אוסישקין, האָט דער קאָנגרעס לויט א פאָרשלאָג פון פּרעזידענט סאָקאָלאָוו, איינשטימיג בעשלאָסען צו גרינדען אין א"י א נייע קאָלאָניע א. נ. „כפר-אוסישקין".

רעדעס לכבוד דעם יובילאַר האָבען געהאַלטען אויסער לשאַ מאַצקין, און פּרעזידענט סאָקאָלאָוו אויך הר. מאָסינזאָן, הרב מאיר בערלין, דעפּ. גרינבוים און ראַבבי דר. סטעפען ווייז.

אומגעהויער גערירט פון די רעדעס און פון דעם כבוד, וואָס איז איהם [illegible] געוואָרען, האָט דער יובילאַר גענומען דאָס וואָרט און געהאַלטען א האַרציגע איינדרוקספולע רעדע, דאַנקענדיג אַלע די, וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט לכבוד זיין שמחה. דריי דורות ציוניסטען, — האָט אוסישקין געזאָגט — האָב איך ערצויגען און געפיהרט אין דער שווערער, איבערמענשליכער אַרבייט פון בנין-הארץ. איך האָף און האָב פיל בטחון, אַז דער קומענדער דור וועט שוין זוכה זיין צו דער גאולה שלמה.

אַרייה נצחונות פון די פּוילישע ספּאָרטלער אויף דער מכביאַדע אין פּראַג

פּראַג, (פּאַט). אין צווייטען טאָג פון דער מכביאַדע האָבען פערנומען דאָס ערשטע אָרט און זענען געוואָרען מייסטער פון דער מכביאַדע און באָקס פאָלגענדע באָקסער פון פּוילען: בירענבוים, רובין, פרידמאַן, שטאַבעלערער פּילניק.

אין שפּיעס האָט די פּוילישע רעפּרעזענטאַנץ מנצח געווען די ענגלענדער 2:0. אין דער לייכט-אַטלעטיק, האָט פּרל. פּריוואַלר געוואונען דאָס ערשטע אָרט. אין לויף אויף 100 מעטער, בעת דעם צווייטען לויף איז געקומען אַלס ערשטע פּרל. נאָמליב.

בכלל האָט די פּוילישע רעפּרעזענטאַנץ געהאַט נעכטען זעהר א גוטען טאָג.

דעם 21-טען סעפּטעמבער קומט פאַר דער פּראָצעס

וועגען אונטערצינדען דעם דייטשען רייכסטאַג

בערלין (פּאַט). דער פּרעזעס פון דייטשען שטאַאַטס-סענאַט אין לייפּציג בינגער האָט בעשטימט דעם טערמין פון פּראָצעס געגען די בעשולדיגטע אין אונטערצינדען דעם רייכסטאַג אויף דעם 21-טען סעפּטעמבער.

די הויפּט - פערהאַנדלונגען וועלען פאָרקומען אין לייפּציג. בלויז א טייל פון עדות - פערהער און די לאָקאַלע וויזיע וועט פאָרקומען אין בערלין אין א ספּעציעל - בעשטימטען זאַל פון דייטשען רייכסטאַג-בנין.

עס זענען פאַראַן 5 בעשולדיגטע: דער געוועזענער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט ערנסט טאָרגלער, דאַן וואַן דער ליבע און די דריי בולגאַרען: דימיטראָוו, פּאָפּאָוו און טאַנעוו. בלויז דער דעפּ. טאָרגלער האָט זיך אויסגעקליבען אַלס פערטיידיגער דעם אַדוו. זאַק. הגעגען די איבעריגע בעשולדיגטע האָבען פערטיידיגער, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען דורכ'ן געריכט.

דער בעשולדיגונגס - אַקט איז צונויפגעשטעלט געוואָרען דורכ'ן דייטשען הויפּט - פּראָקוראָר ווערנער און ענטהאַלט 230 זייטען. דער אויספאָרשונגס - מאַטעריאַל פערנעהמט 25 בענדער. צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען געוואָרען 110 עדות און עקספּערטען.

פערשטעהט זיך, אַז די צאָהל עדות קאָנען נאָך פערגרעסערט ווערען, ווייל ביידע צדדים האָבען דאָס רעכט אַרויסצורופען נייע עדות.

די ענדעקישע סטודענטען-כוליגאַנעס

זענען פער'משפט געוואָרען אויף אונבעדינגטע אַרעסט

ווי בעוואוסט לעבען לעצטענס איבער די יודישע בוכהענדלער אויף שווענטאָקשיסקאַ א טראַגעדיע. חדשים לאַנג האָבען זיי געוואַרט אויף דעם אנהויב פון שול-יאָהר און ווען זיי האָבען זיך שוין ענדליך דערוואַרט, האָט זיך אויף זיי אָנגעהעצט א באַנדע ענדעקישע סטודענטען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט פאַר א ציל נישט צו דערלאָזען קיין קונה אין די יודישע בוכהאַנדלונגען.

די כוליגאַנעס בעפאַלען די קונים, שלאָגען זיי; זיי שיטען אויס ניס-פּראָשעס; [illegible] פאַלען, ווען די כוליגאַנעס האָבען פערקלאַפּט מיט צעמענט די שלעסער אויף די געשעפטס-טירען און צומאָרגענס האָבען די סוחרים נישט געקאָנט עפנען די געשעפטען.

עס זענען פאָרגעקומען אַפילו אינצידענטען, סקאַנדאַלען און געשלעגען. פּאָליציי האָט זיך אָבער א נעהם געטהאָן צו די כוליגאַנעס און אין משך פון צוויי טאָג זענען 18 סטודענטען אַרעסטירט געוואָרען.

נעכטען זענען דורך דער סטאַראָסטווע געמשפט געוואָרען 10 סטודענטישע אוראָגאַטוריסטען. צוויי פון זיי, בזשעזשינסקי און קאָוואַלסקי, זענען פערמשפט געוואָרען צו 30 טעג אונבעדינגטען אַרעסט. די איבעריגע האָבען בעקומען צו 20, 10 און 3 טעג אַרעסט.

די שווענטאָקשיסקאַ גאַס, וואו עס געפינט זיך דער רוב בוכהאַנדלונגען, ווערט געהיטען דורך דער פּאָליציי ביי טאָג און ביי נאַכט.

אויף דער רייזע, אין וואַגאָן, אין אויטאָבוס, אין טעאַטער אויף פּערוויילונג
נאַגט די בעריהמטע גומירטע צוקערלעך
אַנאַצינטי PLUTOS ANACINTI
פרישט אויף, אנגענעמע קיהלונג, קרעפטיגט און וועקט דעם אַפּעטיט, 10 גראָשען א פּעקעל.

א הויזבעזיצערין שטאַרבט פון הונגער

אין סאָסנאָוויעץ איז נעכטען געשטאָרבען פון הונגער, די הויזווירטין קאַגלער אין וועמענס הויז עס וואוינען 40 לאָקאַטאָרען.

צוליב'ן קריזיס האָבען די לאָקאַטאָרען אויפגעהערט צאָהלען דירה-געלד און די ווירטין איז אַריינגעפאַלען אין גרויס נויט. א געוויסע צייט האָט דער הויזווירטין - פאַראיין איהר געגעבען שטיצע אָבער לעצטענס האָט זי קיין שטיצע נישט בעקומען און איז געשטאָרבען פון הונגער.

די איצטיגע לאגע פון די יודען אין דער וועלט

צווייטער רעפעראט פון פרעזידענט נחום סאקאלאוו

פייערליכער פראטעסט געגען די רדיפות אויף די יודען אין דייטשלאנד

אויף די זייטען 3 און 13 גיבען מיר דעם אנהויב פון נחום סאקאלאוו'ס רעדע. דא גיבען מיר דעם המשך.

די לאגע פון יודען אין דייטשלאנד

עטוואס אזוינס, וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, איז געשעהען פאר אונזערע אויגען אין דער לעצטער צייט, עטוואס אזוינס, וואס בעהערשט אין איצטיגען מאמענט די גאנצע וועלט-לאגע פון יודישען פאלק.

אין דייטשלאנד האט זיך ענטפלעקט די טראגיק פון יודישען גלות-קיום אויף אנ'אופן, וועלכען מען האט זיך יאהרהונדערטער נישט געקענט. מיר ציוניסטען, וועלכע האבען שטענדיג דערקענט דעם מהות פון דער יודען-פראגע און וועלכע ארבייטען איבער דעם גרויסען ווערק פון איהר לעזונג, שטעהען אויפגערודערט פאר דער דאזיגער אונערווארטעטער צושפיצונג פון קאנפליקט, וועלכער האט געבראכט אין א כמעט אויסוועגלאזען מצב איינעם פון די וויכטיגסטע טיילען פון אונזער פאלק.

עס וואלט אבער געווען א גרויסער טעות צו מיינען, אז עס האנדעלט זיך דא בלויז וועגען דעם דייטשען יודענטום. נישט די דייטשע יודען, נאר ס'גאנצע יודישע פאלק איז אנגעגריפען, ווען מען רעדט וועגען דער מינדערווערטיגקייט פון יודישען פאלק און מען פרובט אראבצוזעצען אזוי ביז'ן גרונד דעם יודישען כבוד.

עס איז נישט אונזער אויפגאבע צו בעאיינפלוסען אדער קריטיקירען די אינערליכע ענטוויקלונג פון דייטשען פאלק, וואס האט שוין געליטען פון קריג און זיינע פאלגען. אבער אונז געהט אן דער גורל פון די יודען וואס איז פארבונדען מיט די דאזיגע ענטוויקלונגען.

דער נייער דייטשער שטאט האט זיך גענומען פאר זיין יסוד די ראסען-טעאריע. ער שטעהט אויפ'ן שטאנדפונקט, אז נאר דייטש-בלוטיגע פאלקס-אנגעהעריגע קענען זיין פולע שטאטס-בירגער. דערמיט האט זיך אויסגעשלידערט די דייטשע יודען, וועלכע זענען געווען פארבונדען מיט דייטשלאנד דורך א יאהרהונדערט-לאנגען צוזאמענלעבען און דורך אן ענגען אנטייל אין דער דייטשער קולטור און ווירטשאפט: די גלייכבערעכטיגונג פון יודען — זייט 100 יאהר א נישט-אפגעפרעגטער פרינציפ פון דער ציוויליזירטער מענשהייט — איז אין דייטשלאנד אפגעשאפט געווארען.

דאס פראגראם פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער פארטיי, וואס איז ענטשטאנען אין 1921, ווערט דורכגעפיהרט אין אלע פונקטען, וואס זענען נוגע די יודען. אין דעם דאזיגען פראגראם הייסט עס: „שטאטס-בירגער קען זיין בלויז דער, ווער עס איז פאלקס-גענאסע. קיין יוד קען דעריבער נישט זיין שטאטס-בירגער..."

געשטיצט אויף א צווייפעלהאפטען ראסען-טעאריע, וועלכע איז וויסענשאפטליך אין העכסטער מאס שטרייטיג, האט מען אין דער געזעצגעבונג געמאכט אנ'אונטערשייד צווישען אריער און נישט-אריער. מען האט די נישט-אריער דיסקוואליפיצירט פאר די מייסטע קאטעגאריעס פון געזעלשאפטליכען לעבען. נישט-אריער קאנען נישט זיין קיין בעאמטע, זיי קענען אבער אויך נישט זיין קיין מיטגלידער פון ווירטשאפטליכע און פראפעססיאנעלע פעראיינען, עס ווערט פאר זיי אין די אקאדעמישע בערופען און שולען איינגעפיהרט א „נומערוס-קלאוזוס". הויך לאוה ווערט אין דייטשען פאלק געפיהרט אנ'אינטענסיווע פראפאגאנדע, וואס האט אלס צוועק אבצושאפען יעדען פערקעהר צווישען אריער און נישט-אריער — יעדען פערקעהר, פון געזעלשאפטליכער און פריוואטער נאטור. נישט גענוג, וואס מען וויל זיי ארויסשטויסען פון קולטור-לעבען, וויל מען זיי אויך געזעלשאפטליך ארויסיאגען. און דערנעבען קען זיך אונגעשטערט ענטוויקלען א נישט-בעהערשטע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע, וועלכע האלט זיך זאגאר נישט אב פאר דער פערשפרייטונג פון חשד מיטעלאלטערליכען עלילות-דם.

עס איז פאר אונז אוממעגליך צו לאזען דעם אנטיסעמיטיזם ברשות'ען און נישט געגענצווירקען געגען איהם דורך ענערגישע פראטעסטען. עס וואלט געווען [illegible] צו מאכען גלייבען דעם אנטיסעמיטיזם, אז דאס וועלט-יודענטום אקצעפטירט אנשטאט דער גלייכבערעכטיגונג א סיסטעם פון „נומערוס-קלאוזוס" און אז די נשמה פון דער עמאנציפאציע איז טויט. אייגענטליך זענען פאר די יודישע בירגער פון דייטשלאנד אין די לעצטע דורות געשטאנען אפען בלויז די פרייע בערופען — פון שריפטשטעלער, דאקטאר, אדוואקאט, סוחר. די מלוכה'שע קאריערע איז נאך איהם געווען אינגאנצען געשלאסען אדער אפען בלויז ביז א געוויסער גרענעץ.

די איינזייטיגע בערופס-שיכטונג פון די יודען איז דאך א פועל-יוצא פון געשיכטליכע בעדינגונגען, וועלכע מיר האבען תמיד בעטראכט אלס אנארמאל און אלס אזא וואס דארף געענדערט ווערען. איהר בעזייטיגונג דורך אומשיכטונג איז תמיד געווען איינער פון די גרונדזאצען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

אבער דער מהות פון דער עמאנציפאציע ליגט אין וועזען פון דער פרייהייט פון דער בערופס-וואהל. זאל די עמאנציפאציע נישט ווערען א חוכא-ואטלולא, מוזען מיר עמפאל-הארט ארויסטרעטען [illegible] פון די רעכט. פאר [illegible] אין [illegible]

ליטען אין משך פון הדורות.

מען האט ערפונדען די לעגענדע, אז די דייטשע יודען זענען שונאים פון דייטשען שטאט. אלע בערופענע פערטרעטער פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דייטשלאנד האבען די דאזיגע בעהויפטונג צוריקגעוויזען מיט עמפערונג. די פאטערלענדישע געזינונג, די אונצוברעכבארע טריישאפט פון די דייטשע יודען און זייער צוגעבונדענקייט צו דייטשען שטאט, דייטשע קולטור און שפראך זענען אזוי עכט, אז זיי דארפען נישט קיין שום בעשטעטיגונג. נישט בלויז דייטשע יודען, נאר אויך יודען פון דער וועלט זענען פריינד פון דייטשען פאלק. נישט בלויז די געמיינשאפט פון הויכע אינטערעסען און מענשליכע צילען, דער רייפער איינבליק פון די גייסטער מאכט די דאזיגע פריינדשאפט פאלקסטימליך אין אונזערע קרייזען. דייטשלאנד איז איינער פון די עלטסטע טיילען פון אונזער גלות'דיגער אייראפעאישער געשיכטע, און אונזער נייע געשיכטע איז ענג פערבונדען מיט דייטשלאנד.

עס האט אבער ווייניג צוועק צו פאלעמיזירען געגען א וועלט, וועלכע וויל נישט איבערהערען קיין ארגומענטען, ווען מען שטאסט אונז אויס און מען בעליידיגט אונז קענען מיר נישט קומען מיט קיין „אויפקלערונגען" און בעטען א בעסערע איינזיכט. דאס יודישע פאלק האט אין לעצטען פעריאד אויפגעהאבט צו אנ'אייגען לעבען און צו א נייעם זעלבסטבעוואוסטזיין, און מיר, ציוניסטען, פיהלען זיך אלס דער אוואנגארד פון 16-מיליאניגען יודישען פאלק און אלס אזעלכע ווארפען מיר אב מיט שטאלץ די בעליידיגונגען, וואס זענען געווארפען געגען אונזער פאלקסטום און עהרע.

עס איז זינלאז צו וועלען לייקענען די אונטערשידען צווישען ראסען און נאציאנאליטעטען. מיר ווילען נישט פערוואנדלען די וועלט אין א קאסמאפאליטישען ערב-רב. דעם שעפערישען דייטשען פאלק צו געבען די ברכות פון פרידליכען פארטשריט — ווער פון אונז וועט זיך דערפאר נישט בעגייסטערען? וואס מיר באקעמפען איז די נייע פארם פון אנטיסעמיטיזם, וועלכע ענטפאלט זיך דארט.

אלס איינס פון די עלטסטע קולטור-פעלקער, אלס דאס פאלק פון דער ביבל און פון די עשרת-הדברות, אלס דאס פאלק פון פרייהייט צום גייסט און צו דער זיטליכקייט, שטעלען מיר [illegible] דער טעזע וועגען דער כלומרשטער מינדערווערטיגקייט פון אונזער ראסע. מיר, פאלקסבעוואוסטע יודען, וועלכע האבען זיך תמיד בעקענט צו אונזער בלוטצוזאמענהאנג און אונזער געשיכטע, מיר וויסען, אז מיר זענען א מענשען-גרופע פון אייגענער ארט און געשטאלט, אבער פונקט ווי מיר זענען ווייט פון אראבצורייסען אנדערע ראסען, אזוי פראטעסטירען מיר פאר דער גאנצער וועלט, ווען מען וואגט אראבצוזעצען אונזער ראסע און זי צו פעראונווירדיגען.

קרוב 4000 יאהר זענען פערפלאסען זייט די עשרת-הדברות זענען געגעבען געווארען אויפ'ן בארג סיני, זייט עס איז אנגעזאגט געווארען די פליכט פון ואהבת לרעך כמוך און די אהבת-חסד. „און דעם פרעמדען זאלסטו ניט טון קיין עולה און ניט דריקען", „און דעם פרעמדען זאלסטו נישט דריקען, איהר קענט דאך די זעל פון פרעמדען, ווייל פרעמדע זענט איהר געווען אין לאנד מצרים", „ווייל איהר גאט... שאפט רעכט דעם יתום און אלמנה און האט ליב דעם גר צו געבען איהם ברויט און געוואנד, דערפאר האט אויך איהר ליב דעם פרעמדען, ווייל פרעמדע זענט איהר געווען אין לאנד מצרים", און אין א צווייט ארט הייסט דער אלמעכטיגער האבען „איין רעכט, דער פרעמדער ווי דער איינענער זאלען זיין גלייך, ווייל איך בין גאט", ד. ה. דער אייביגער גאט פון אלע מענשען, פאר וועלכען יעדער האט די זעלבע רעכט.

העכער 19 יאהרהונדערטער זענען פערפלאסען זייט דאס קריסטענטום האט אויף זיין פאהן אויפגעשריבען די ליבע צום חבר און זאגאר די ליבע צום שונא, און אין נאמען פון דעם דאזיגען אידעאל געקומען צו אלע פעלקער, שטאמען און ראסען, מעהר ווי מיט א יאהרהונדערט צוריק זענען פראקלאמירט געווארען די רעכט פון מענש און עס איז אבגעשאפט געווארען די שקלאפעריי. אין אלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט איז די גלייכבערעכטיגונג אנערקענט געווארען אלס דער יסוד פון דער מענשליכער עטיק.

געטריי די דאזיגע פרינציפען, בעקענען מיר זיך צו דער איבערצייגונג, אז עס איז אומגערעכט און נישט דערלויבט צו פערמינדערווערטיגען מענשען צוליב זייער ראסען-אנגעהעריגקייט און זיי אויסצושליסען פון דער מענשליכער גלייכבערעכטיגונג. אין נאמען פון דער מענשען-ווירדע, וועלכע האבען פראקלאמירט גראד דייטשע גייסטער און פילאזאפען אלס דאס העכסטע גאטליכע גוט פון יעדען יציר-עולם, פערלאנגען אויך מיר, גלייכגעזעצליך און גלייכבערעכטיגט צו זיין.. פונקט אזוי ווארפען מיר אב דעם געדאנקענגאנג פון דער אסימילאציע צו וועלען קויפען די דאזיגע גלייכבערעכטיגונג פאר'ן פרייז פון אויפגעבען אונזער בעזונדער'ן שטייגער.

מיר שטעהען אויפ'ן שטאנדפונקט, אז ציוניזם און עמאנציפאציע זענען נישט אבטיילבאר און זיי בעדינגען זיך געגענזייטיג. די עמאנציפאציע איז נישט קיין עקוויוואלענט פאר'ן ציוניזם. עס איז [illegible] ע, וואס זאל זיין ווערט

דעם דאזיגען נאמען, אזוי לאנג ווי דאס יודישע פאלק האט נישט קיין צענטראל-לאנד אויף דער כדור-הארץ, א לאנד, אין וועלכען עס זאל זיך קאנצענטרירען די פאלקס-ענערגיע, און וועלכען דאס פאלק בעטראכט אלס די אבשפיגלונג פון זיין איך. עס איז אבער אויך נישטא קיין נארמאל-ווירקענדער און ענטוויקלונגס-פעהיגער ציוניזם, כל-זמן די יודען זענען נישט קיין פולבערעכטיגטע בירגער אין זייערע וואוין-לענדער. א גהעטא קאן בויען בלויז אנ'אנדערער גהעטא און אזוי איז עס ווירקליך געשעהען — דאס איז געווען דער חלוקה-ישוב. עמאנציפירטע יודען האבען געלעגט דעם יסוד פון דער יודישער נאציאנאל-היים, און בלויז פרייע, גלייכבערעכטיגטע יודישע בירגער פון אלע לענדער וועלען צוזאמענארבייטען ביים מאנומענטאלען בנין פון יודישען לאנד.

עס נוצט נישט יעדעס מאל פון דאס ניי אנצורופען די נעמען פון די געלעהרטע, פילאזאפען און קינסטלער, וועלכע מיר האבען געגעבען דעם לאנד, עס האט נישט קיין פועלה צו בעווייזען, אז מען איז „דייטשער שטאטס-בירגער פון יודישען גלויבען", אז מען איז פאטריאט. מיר זענען טאקע אזעלכע, ווי מיר זענען, און מיר טראגען אין זיך די בערעכטיגונג פון אונזער דאזיין. מיר זענען נישט מחויב צו ברענגען בעווייזען פון אונזער עקזיסטענץ-בערעכטיגונג דורך אונזערע ביישטייערן פאר דער אדער יענער קולטור.

מען האלט זיך נישט אב פאר קיין שום מיטלען צו בעשטרייטען אונזערע לעבענסרעכט. מיר פראטעסטירען געגען דעם מיסברויך פון געפעלשטע שריפטען און פאמפלעטען, וואס אויף זייער גרונד בעלאסטעט מען אונז מיט פאנטאסטישע פלענער. אונזער בעוועגונג האט זייט איהר אנהויב געארבייט אין פולער עפענטליכקייט און זייט די טעג פון הערצל'ן איז געווען איינער פון אונזערע פרינציפען צו שטעהען אונטער דער קאנטראל פון דער עפענטליכער וועלט-מיינונג. מיר קענען דעריבער מיט פעראכטונג איגנארירען אזעלכע פעלשונגען ווי די „פראטאקאלען פון די זקני ציון" און בעהויפטען, אז קיין איין טייל פון דער קולטור-מענשהייט נעהמט זיי נישט ערנסט. אבער ווען מען מאכט היינט אין א גרויסען לאנד אפיציעלען געברויך פון דעם דאזיגען „בוך", דאן מוזען מיר ערקלערען, אז מיר האבען קיין שום שייכות נישט צו דעם דאזיגען פראדוקט [illegible], אז זיי זענען [illegible], אז קיינמאל איז עפעס אזוינס נישט געווען און אז דער דאזיגער פאמפלעט איז א בעליידיגונג פאר אונזער היליגער זאך. עס איז א שאנדע צו רעדען וועגען פלענער פון יודישער וועלט-הערשאפט.

דאס יודישע פאלק, אומעטום אין דער מינדערהייט, אין זיינע גרויסע מאסען פערארעמט, שטרייט זיך פאר זיין עקזיסטענץ, זוכט צו בעפרייען זיך פון דער נישט-נארמאלער גלות-לאגע דורך אויפבויען זיין נאציאנאלע-היים אין זיין אלטער היימלאנד. מיר, ציוניסטען, שטרעבען צו קאנצענטרירען אויף דעם דאזיגען ציל די קרעפטען פון אלע יודען, אין דער איבערצייגונג, אז דורך דעם וועט אויך פערלייכטערט ווערען די לאגע פון די יודען אין אנדערע לענדער. דאס ציל פון אונזערע שטרעבונגען איז די שאפונג פון א נייער עקזיסטענץ אלס פאלק פון ארבייטער און פויערים, פון האנדווערקער און גייסטיגע ארבייטער, אין די אנגעלעגענהייטען פון אנדערע פעלקער ווילען מיר און וועלען מיר זיך נישט אריינמישען און צום ווייניגסטענס ווילען מיר אנדערע בעהערשען.

דער גורל פון די דייטשע יודען בעווייזט אמדייטליכסטען, ווי נויטיג עס איז די שאפונג פון א יודישער נאציאנאל-היים. נאך קיינמאל האבען מיר מיט אזא גרויסער דייטליכקייט נישט דערפיהלט, ווי וואקלדיג עס איז אונזער גלות-עקזיסטענץ. נאך מיט 20, אפילו מיט 5 יאהר צוריק, וואלט נישט געווען דענקבאר אזא שנוי פון דער יודישער לאגע אין דייטשלאנד. נאך קיינמאל האט זיך נישט אזוי אויסדרוקספול ארויסגעשטעלט די נויטווענדיגקייט פון ציוניזם ווי איצט. מיר זעהען, אז שוין איצט גיט אונזער בעוועגונג דעם מענש מוט און קראפט. די האפנונג אויף אויפריכטונג ערלויבט אויך אונזער בעוועגונג צו טראגען מוטיג דעם שווערען גורל. א בעזונדערער רעפעראט וועט אייך ווייזען, וואס א"י קען טהון פאר דער פערלייכטערונג פון דער לאגע פון די דייטשע יודען. דא זאל בלויז פעסטגעשטעלט ווערען, וואס פאר א געוואלדיגע מאראלישע שטיצע אונזער אידעע גיט דעם דייטשען יודענטום און דעם וועלט-יודענטום.

פאר זיין פערווירקליכונג דארף דער ציוניזם האבען די אונטערשטיצונג פון דער וועלט. מיר אפעלירען וועגען דעם צו דער וועלט. מיר גלייבען, אז עס האנדעלט זיך וועגען א וועלט-פראבלעם, וואס געהט-אן אלע פעלקער. די פראגע מוז קומען פאר אנ'אינטערנאציאנאלען פארום. עס וועט אפשר נויטיג זיין, אז א בעדייטענדער טייל פון די דייטשע יודען זאל אין ארדנונג אויסוואנדערן אין אנדערע לענדער, דער'עיקר קיין א"י מיט דער הילף פון דער רעגירונג און פון פעלקער-בונד. אלע אונזערע טאפפערע קעמפער וועלען זיך ווי איין מאן שטעלען אין דינסט פון דעם דאזיגען רעטונגס-ווערק. איז עס נישט סימבאליש, וואס דער דאזיגער רוף איז געווען דער שוואנען-געזאנג פון אונזער אונפערגעסליכען דר. חיים ארלאזאראוו? ער פעהלט אונז, אבער זיין ווערק וועט ווייטער לעבען.

אנ'אפענער, לעגאלער גרוש איז בעסער ווי א לאנגזאמער פראלעטאריזירונגס-פראצעס. זעלבסטפערשטענדליך איז אונזער הייליגסטער חוב די דרינגענדע, שנעלע און גרויסארטיגע הילפס-לייסטונג, אבער דאס איז נישט קיין לעזונג. דאס ביוז מוז מען אנגעהמען ביים שורש.

איך בין זעהר ווייט פון וועלען זעהען אין גלות-לעבען פון אונזער פאלק בלויז די שאטענזייטען, ניין, אזוי האפנונגסלאז איז די זאך נישט. אין דעם, וואס קוקט זיך צו נעהנטער, ווערט קלאר, אז דאס יודענטום מיט זיין ארץ-ישראל-צענטרום טראגט אין זיך אויך אין גלות די מעגליכקייט פון א גרייסער מענשליכער ענטוויקלונג; אויב עס וועט — ווי מיר האפען — זיך בעמיהען צו געפינען זיינע אייגענע קערנער און זי צו ענטוויקלען אונטער דער פאהן פון ציון, פעראייניגט אלס איין פאלק פון ברידער.

ענגע פערבינדונגען פון אלע יודישע פארטייען — זעלבסטפערשטענדליך אין די ראהמען פון די געזעצען אין די פערשידענע לענדער, — איינהייטליכע ארבייט פון יודישע קהלות אויף'ן ווירטשאפטליכען געביט מיט דער קראפט פון דער פעראייניגטער סאלידאריטעט, — דאס איז די אונמיטעלבארע אויפגאבע, וואס שטעהט פאר דעם וועלט-יודענטום.

די ליידענסטעג וועלען ווערט זיין דעם טייערן פרייז, וואס מיר צאהלען פאר זיי, אויב זי וועט זיך איינגעבען אראבצורייסען פון אונזערע פאלקס-אויגען דעם בעלעם און אויסלערנען עס צו זעהען דעם קערן פון דער טראגעדיע, כדי ענטשפרעכענד צו האנדלען.

די געשטייגערטע נויט דארף אונז שטויסען צו פעראייניגונג פון אלע אונזערע קרעפטען, זי זאל אלע פעראייניגען אונטער ציון'ס פאהן, זי זאל אויך די גלייכגילטיגע און שוואכהערציגע בעגייסטערן, דאן מעגען מיר מיט האפנונג קוקען אין עתיד, דאן קענען מיר די צייט פון נויט לויבען אלס די שעה פון דער ווידערגעבורט. און דערפאר מוזען מיר זיין שטארק און אונזער אויסגעמאטערטען ווילען אויפריכטען.

אויך פון דאזיגען שטאנדפונקט זענען נויטיג די ציוניסטישע קאנגרעסען, ווייל פון זיי זאל ארויסגעהן דער סוגעסטיווער איינפלוס אין אלע ריכטונגען פון ציון און גלות. די איצטיגע לאגע פאדערט פון אונז געביטעריש דעם צוזאמענשלוס פון יודישען פאלק. וואס שטארקער און געשלאסענער עס איז אונזער ארגאניזאציע, אלץ גרעסער און שטארקער וועט אויך זיין דאס אחריות-געפיהל פון די יעניגע, וואס האלטען אין איהר נאמען רעדען און פאדערן.

היט אונז בלויז אב די יודישע הערצער פון פערלירען דעם מוט און פון יאוש! דערמאהנט אייך, אז דאס יודישע פאלק האט תמיד אין אומגליק בעוויזען צו דערגרייכען זיינע שטארקסטע קרעפטען.

דער קאנגרעס וועט זיך נישט פונאנדערגעהן

אהן א שטארקען פראטעסט געגען דייטשלאנד

פראג, 24 (יט"א). דער גאנצער קאנגרעס האט מיט שטורמישע אוואציעס געגעבען אויסדרוק זיין צושטימונג צו דער ערקלערונג פון נחום סאקאלאוו, ווען ער האט געזאגט:

פריינד האבען אונז געראטען נישט צו פראטעסטירען געגען דייטשלאנד. נאר זיך בעגנוגענען בלויז מיט פארלעזען פאר'ן קאנגרעס די אנטי-יודישע געזעצגעבונג פון דייטשלאנד. מיר קענען אבער אויף דער עצה נישט איינגעהן. עס איז אוממעגליך פאר'ן ציוניסטישען קאנגרעס זיך פונאנדערצוגעהן נישט לאזענדיג הערען זיין שטארקען פראטעסט-רוף געגען דעם וואס געשעהט אין דייטשלאנד. די רדיפות אין דייטשלאנד זענען מיאוס'ער ווי דער אפענער גרוש פון שפאניען.

הייל - אנשטאלט פאר ברוכליידענדע

ראדיקאלע הילף לויט נייעסטער פראקטיק

דער איינציגער ספעציאליסט צו פעררעכטען

געפעהרליכסטע און שווערסטע **ברוכליידען**

מענער און פרויען וועלכע האבען שוין אלע באנדאזשען אויספרובירט און זאגאר ביי אויסלענדישע ספעציאליסטען און דאקטוירען רעצעפטען און אפעראציעס האבען נישט געהאלפען, זאלט איהר נישט פערלירען די האפנונג. איהר האט ביי מיר א זיכערע היילונג, באשטעטיגט 1209 און פריוואטע 7396 פון געזונדהייטס-אמט 1205. פראספעקטען אויף פארלאנג אומזיסט

Sz. Kohn, Warszawa, Soznowa 13

ביי די חלוצים אין ראדאם.

II

עס טרעפען דא פאלען פון קראנקהיי־טען און ווייל די מעהרסטע טייל פון זיי גע־הערט נישט צו דער קראנקען־קאסע, האבען זיי דאן גרויסע אויסגאבען.

זיי בעקומען אפילו בחנם מעדיצינישע הילף, פאר וועלכע זיי דאנקען אויף דעם וועג (דורך דער צייטונג) די ראדאמער יודי־שע דאקטוירים בכלל און די ד"ר, ד"ר קעלערווארם, קאדישעוויטש און טאובענ־פעלד בפרט, אבער די מעדיקאמענטען קאס־טען זיי געלד.

זייער וואוינונג בעשטעהט פון 6 צי־מער, 5 שלאף-צימער און 1 עס־צימער. איך בין אריין אין א קליינעם צימער. עס שטעהן געדיכט דארט איינס נעבען אנדערען 10 בעטען. ה' יונגפעלד ערקלערט מיר, אז אין יעדען בעט שלאפען 2 פערזאן, אלזא אין דעם צי־מער וואוינען 20 פערזאן. פערשטעהט זיך, אז דאס זענען שרעקליכע וואוינונגס־בעדינגונ־גען. שלאפען אין אזא צימער מיט פערמאכ־טע פענסטער בעדראהט אפילו דעם געזונד־צושטאנד, אבער דאך זענען זיי העכסט צופרי־דען מיט דעם לעבען און ווארטען נור מיט אומגעדולד דעם מאמענט אפצופאהרען נאך ארץ־ישראל, וואו זיי ווילען אפגעבען זייערע כחות און זענען גרייט צו אפפערען זייער יונג-לעבען.

ווי איך האב דא פארגעשטעלט איז זיי־ער מאטעריעלע לאגע ווייט נישט קיין גוטע. שוין דאס אליין, אז פון 110 פערזאן ארביי־טען קוים 45, אז עס זענען פאראהן צווישען זיי פאכמענער, וועלכע זענען אינגאנצען אהן ארבייט — אט דאס איז דער גרעסטער סימן, אז אונזערע ראדאמער יודען האבען דעם קלענסטען אינטערעס פאר זיי.

פאר מיין געזעגנען זיך מיט דעם ה' יונגפעלד האב איך איהם געפרעגט, וועלכען פערלאנג זיי האבען פון די ראדאמער יודען און דערויף האט ער מיר געענטפערט: „מיר זענען יונגע, שטאלצע יודען און מיר ברוי־כען נישט זיצען, ווארטענדיג פון אייך מא־טריעלע הילף מיט פערלייגטע הענד. מיר זענען יונג, מיר ווילען און מיר זענען געקו־מען דא מיט פול ענערגיע צו דער ארבייט, און דעריבער איז אונזער איינציגע ביטע צו אייך: גיט אונז ארבייט, ארבייט, אט דאס איז אלץ, וואס מיר בעטען ביי אייך".

פערשטעהט זיך, אז די ראדאמער יו־דען, וועלען נאכקומען זייער פערלאנג און זיי וועלען נישט דערלאזען דערצו, אז 60 פרא־צענט פון די חלוצים זאלען בלייבען אהן ארבייט.

מיר האבען אין אונזער שטאדט א ריי־הע גארבערייען, גיסעריי־פאבריקען, טארטא־קען, סקלאדעס, א. אז. וו. ווען די אייגענטי־מער זייערע, וועלען נור האבען דעם גוטען ווילען, וועלען די חלוצים פון אונזער שטאדט נישט בלייבען אהן ארבייט. מיר אפעלירען דעריבער, ראדאמער יודען, צו אייך, איהר זאלט זיך מעהר פעראינטערעסירען מיט די חלוצים אין אונזער שטאדט און פערשאפען זיי ארבייט, בכדי זייער לאגע זאל זיך פער־בעסערען און נישט זיין ווי ביז איצט.

עס וואלט אויך ווינשענסווערט געווען, אז די „וויזא" זאל שאפען פאר זיי א לא־קאל-פאנד, בכדי זיי זאלען קענען אין דער שטאדט דינגען עטליכע צימער, וואו די פאכ־לייט פון זיי וואלטען געקאנט פיהרען זייערע ווארשטאטען. וואוינענדיג דארט אין דעם קליינעם הייזעל פון בית־יתומים, האבען זיי נישט דאס ארט פאר ווארשטאטען. דערצו איז עס זעהר ווייט פון דער שטאדט־

ראדאם, די שטאדט פון צעהנדליגער טויזענדער יודען, בערויך און מוז מעהר גע־דענקען, מעהר זיך פעראינטערעסירען, מעהר העלפען די מענשען, וועלכע האבען פריייוויליג אפגעריסען זיך פון זייער טאג־טעגליכען בע־קוועמען לעבען, נור בכדי צו קענען בויען אונזער לאנד, נור בכדי צו דערפיהרען דערצו, אז ארץ-ישראל זאל זיין פאר'ן עם ישראל.

אר.

דעם אייגענטימער פונ'ם פריוואט-קרעמעל וואס הייסט „ראדאמער לעבען" — אנ'ענטפער

אין די ערשטע נומערען פון אונזער צייטונג האבען מיר מיט קיין איין ווארט ניט אנגעגריפען און אפילו נישט דערמאנט דעם נאמען פון ה' הערץ און זיין וואכען־בלעטעל.

דעם פערגאנגענעם פרייטאג איז ער, דער אייגענטימער פון פריוואט-קרעמעל ארויסגעשפרונגען מיט א אומגעלומפערטען נאטיץ אויף אונזער אדרעס אין א פארם און סטיל, וועלכע פאסען נאר פאר א „רעדאק־טאר" פון אזא קליין קרעמעל, וואס דינט איהם נאר אויף צו וואשען יעדע וואך אבי־סעל אומריינע וועש פאר זייגע פריוואטע צוועקען און צו דרוקען נארישע אויסגעדרא־שענע באבע־מעשיות, וועלכע אינטערעסירען קיינעם נישט.

מיט דעם אויסגעשוויצטען „ליטעראריש־פובליציסטישען" באגאזש שווימט ער ארויס פאר דער ראדאמער עפענטליכקייט יעדע 8 טאג און איז לויט זיין ענגען בעגריף איבער־צייגט, אז ער טהוט דער שטאדט א גרויסע טובה, געבענדיג די חשוב'ע לעזער נאכאמאל איבערצוקייען די נייעסען, וועגען וועלכע אלע ווייסען שוין פון דער היגער טעגליכער פרע־סע און וועלכע זענען פערשמאלצען מיט א אויסגעטראכט אדער איבערגעדרוקט פיקאנט מעשה'לע. און דאס איז די גאנצע „גייסטיגע שפייז" פון מכלומר'שטען מאנאפאליסט פון דער ראדאמער יודישער עפענטליכקייט, וועל־כער גלויבט נאך, אז זיין „ארגאן" איז אמ־וויעניגסטען א „ראדאמער טיימס".

מיר וואלטען אפשר מיט פעראכטונג אריבערגעגאנגען צום טאג-ארדנונג איבער דעם סטיל און פארם פון זיין אנפאל אויף אונז, ווייל קיין בעסערען סטיל קען מען נישט פון ה' הערץ ערווארטען. מיר קענען אבער נישט פערשווייגען די גראבע ליגענס, מיט וועלכע ער אפעררירט אין זיין נאטיץ, און דאס צווינגט אונז פעסטצושטעלען פאר דער עפענטליכקייט דעם „אמת" פון דעם רא־דאמער „טיימס־רעדאקטאר".

1) „די מאכערס פון דער נייער אונ־טערנעהמונג" זענען אין ראדאם גוט בעקאנט פון זייער לאנגיעהריגער קולטורעלער ארבייט אין פערשידענע ארטיגע ארגאניזאציעס און אויך פון זייער זשורנאליסטישער טעטיגקייט אין דער היגער פוילישער פרעסע. אויך די מיטארבייטער זייערע, וועלכע ה' הערץ רופט אן „עט קאמפאניע", קענען זיך צו יעדער־צייט פערמעסטען מיט דעם „טיימס-רעדאקטאר" אין זשורנאליסטיק. עס וואלט געווען זעהר ווינשענסווערט פאר איהם אנצוקומען צו זיי אויף דער לעהר פון סטיל, פארם און אי־בערהויפט פון יודיש.

2) אין דעם דורך אונז פערעפענטלי־כען אין דער שטאדט פראספעקט פאר'ן ער־שיינען פון ערשטען נומער „ראדאמער עקס־פרעס", האבען מיר אויפגעגעבען די רשימה פון שטענדיגען רעדאקציאנ'ס־קאלעגיום פון ווארשאווער „אונזער עקספרעס", וואס מיר האבען בעקומען צוגעשיקט פון דער אויבענ־דערמאנטער צייטונג, מיט וועלכער מיר הא־בען זיך געשטעלט אין פערבינדונג, און צוגע־געבען אויך א פאר נעמען פון ראדאמער זשורנאליסטען, וועלכע ארבייטען מיט אין אונזער צייטונג. חוץ דעם האבען מיר אויך פערעפענטליכט א רשימה פון ליטעראטען און זשורנאליסטען, וועלכע ארבייטען מיט פון צייט-צו-צייט אין „אונזער עקספרעס", וועלכע עס האט אונז אויך איבערגעגעבען די ווארשאווער רעדאקציע און צווישען וועלכע עס געפונט זיך אויך דער נאמען פון ה' מאיר הערץ. מיר זענען געווען אויף אזוי פיל טאלעראנט און טאקטפול, דאס מיר הא־בען זיין נאמען אלס מיטארבייטער פון „אונ־זער עקספרעס" נישט אויסגעשטראכען. עס איז דעריבער לעכערליך די בעהויפטונג פון ה' הערץ, אז מיר זענען ארויס „מיט א פאל־שער רעקלאמע כדי אריינצופיהרען אין א טעות און פערבלענדען די אויגען פון די לעזער".

3) עס שטימט נישט מיט דער ווירקליכ־קייט, אז מיט'ן „ראדאמער עקספרעס" „אפיע־קוועט" זיך (לויט'ן נוסח פון ה' הערץ) דער היגער „דזיען דאברי". אמת איז אבער, אז די רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון „רא־דאמער עקספרעס" געפונט זיך אויף א גאנץ בעזונדער ארט און האט קיין שום געמיינזא־מעס מיט'ן „דזיען דאברי". דאס צייטונג'ס־ביורא פון דער פירמע באראווסקא אויף רוויינסקא גאס נעמט איבער יעדען טאג א געוויסען סכום צייטונגען צום פערקויפען, אזוי גוט ווי? אנדערע פערקויפער און אויף די זעלבע יסודות, ווי דעם „נאש-פרזשעגלאנד" און פיל אנדערע צייטונגען.

4) עס וואלט כדאי געווען צו וויסען, צי ה' ניידיק האט בעפולמעכטיגט דעם ה' הערץ ארויסצוטרעטען אין זיין נאמען אין נעמען איהם, ד. ה. דעם ה' ניידיק, אונטער זיין שוץ, פאר דער מכלומר'שטער עוולה, וואס איז איהם געשעהן. אין דער אמת'ן (און דאס ווייסט ה' הערץ זעהר גוט) איז ה' ניידיק ניט נור נישט בע'עולה'ט געווארען דורך אונז, נור אין דעם אפמאך, וואס מיר האבען גע־שלאסען מיט'ן „אונזער עקספרעס" איז בפי־רוש דא א פונקט וועגען צוטיילען דעם ה' ניידיק יעדען טאג דעם זעלבען סכום צייטונ־גען ווי ביז איצט, וועלכעס מיר ערפילען גענוי. מיר בעטראכטען אלזא דעם ארויסטריט פון ה' הערץ אין דעם ענין אלס א געמיינע אינטריגע, מיט וועלכער ער איז אויסען צו געווינען די לעזער, וואס אריענטירען זיך נישט, וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

אם „געלונגענסטען" איז אבער די פער־עפענטליכע אין דעם זעלבען נומער „ראדא־מער לעבען", אויף דעם „סאמע אויבענאן" פון דער ערשטער זייט, ערקלערונג, וועלכע וועט זיכער דינען אלס שטאף אין דער צוקונ־פטיגער הומאריסטישער אבטיילונג פון „רא־דאמער עקספרעס", סיי איבערהויפט מיט איהר ערשיינען, סיי מיט דעם אינהאלט. פון דער דאזיגער ערקלערונג קומט אויס, דאס מיר פערלאנגען און ווינשען זיך זיין מיטאר־בייט און פעראנטווארטליכקייט. חשוב'ער ה' הערץ! צי האלט איהר נישט אליין אלס אב־סורד, צוליב אייער ביז־איצטינער זעהר „פרוכטבארער" זשורנאליסטישער טעטיגקייט אין ראדאם, די מעגליכקייט פון אנגאזשירען אייך אלס מיטארבייטער אדער רעדאקטאר פין אונזער צייטונג?

און אז דאס איז געוועזען אייער פער־לאנג, איז דער בעסטער סימן דער בריף, וואס מיר האבען ערהאלטען פון „אונזער עקספרעס" וועגען אייך.

אין דער זעלבער ערקלערונג רעקלא־מירט איהר אייך, דאס איהר זענט מיטארביי־טער פון „אונזער עקספרעס". א פנים, אז די לעזער ווייסען נישט דערפון, אדער מיר ווי־לען דאס אבלייקענען. האבען כיר דאך אליין געשריבען, אז אין אונזער מוטאציע־אויסגאבע פון „אונזער עקספרעס" בעטייליגען זיך א גאנצע רייהע שריפטשטעלער און זשורנאליס־טען. צווישען וועלכע איהר געפונט זיך אויך. זענט איהר זיך דאך אליין סותר מיט אייער גאנצער האנדלונג און ערקלערונג.

האט איהר דאס געברויכט, ה' הערץ האט דאס אייך כבוד פערשאפט? ?

משה לאטטע, יעקב כוואט

ווען וועט שוין נעמען א סוף?...

געדונגען זיך ביז האלבער נאכט און גארנישט

פרייטאג ביינאכט איז פארגעקומען אין מאגיסטראט א קאנפערענץ פון בירגער-קאמי־טעט מיט דעם דירעקטאר פון דער היגער עלעקטראוניע אינזש. כאנדזינסקי וועגען פערבילינערען דעם אבצאהל פאר עלעקטרי־שען שטראם.

אין דער קאנפערענץ זענען געווען בע־טייליגט פארשטעהער נאר פון עטליכע היגע געזעלשאפטליכע און פראפעסיאנעלע ארגאני־זאציעס.

מ'האט זיך אונטערהאלטען ביז שפעט ביינאכט. אהן שום קאנקרעטע רעזולטאטען מען האט בעשלאסען דעם ענין איבערצושי־קען קיין ווארשא אויף אנ'ארביטראזש־וועג.

ווי מען פערזיכערט אונז דארפט דאס דויערען העכסטענס ביז 3 חדשים און דער ארביטראזש וועג דארף קאסטען 3000 זלאטעס. דער עלעקטראוניע־דירעקטאר, אינזש. כאנדזינסקי זעהט פאר, אז דער קאסט פון ארביטראזש וועט דערגעהן ביז 6000 זל.

מיר זענען איבערצייגט, אז דער וויכ־טיגער פאר דער גאנצער ראדאמער בעפעל־קערונג ענין ווערט בכיוון פערצויגען ביז דעם נאהנטען ווינטער, בכדי צו בעשווערען דעם קאמפף מיט די בעריגישע עלעקטראוניע־בעזיצער און אזוי ארום צו צווינגען ווייטער די ראדאמער „ווייסע שקלאפען" צו זעטיגען זייערע ווילדע אפעטיטען.

מעסער-שטעכער אויף פרץ-גאס

אין א געשלעג אויף פרץ־גאס האט דיבאלסקי פאוועל דערלאנגט מיט א מעסער אין די פלייצעס און לינקער האנד פיאנטעק'ן יאן פון נארוטאוויטש-גאס 40, צושעדענדיג איהם זעהר שטארק.

דעם פערוואונדעטען האט מען אפגעפיהרט אין יודישען שפיטאל.

דער שטעכער איז פערהאלטען גע־ווארען.

פענסטער פליהען אויף פערבייגעהער

דעם 23 ד. ח. האט די פרוי בערנאך חנה (סלאוואצקיעגא 20) דורכגעהענדיג די זשעראמסקיעגא גאס 48 ארום 12 בייטאג בע־קומען א שטארקען קלאפ אין פוס.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער ווינט האט ארויסגעריסען די פענסטער־ראהם פון דער פרוי בוכאסקאס וואוינונג, וועלכע האט געטראפען אין פרוי בערנאך. זאל זי צופרידען זיין, אז עס האט איהר נישט פיל געשאדט.

Druk N. H. Żabnera w Radomiu

Redaktor i wydawca: Jakób Chwat